ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# פרק שירה

## ידיד נפש

אידיש

**564**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

# סֵפֶר

# יְדִיד נֶפֶשׁ

אין דיזען סֵפֶר גֶעפִינֶען זיך הַנְהָגוֹת הַתְּפִלָּה און פֶּרֶק שִׁירָה. וָוער עֶס לֶערְנְט פֶּרֶק שִׁירָה וָועט נִצוֹל וָוערֶען פון יֵצֶר הָרַע, פון חִבּוּט הַקֶבֶר און פון גֵיהִנוֹם, און וָועט הָאבֶּען דִיא וָועלְט און יֶענֶע וָועלְט.

---

צוּ בֶּעקוּמֶען בַּייא:


יוֹנָה בֶּן דוֹב הַמְכוּנֶה צְווִיקִיל
מִזְלָאטְשָׁאוו גַאלִיצְיָא



נְיוּ־יָארְק
בשנת תרפ"ב לפ"ק

# הַנְהָגוֹת הַתְּפִלָּה

לִכְבוֹד הַשִּׁי"ת, בָּרוּךְ הוּא וּבָרוּךְ שְׁמוֹ, וְועלין מיר שְׁרַייבְּען עֶטְלִיכֶע מִנְהָגִים וִויא אַיין בֶּן אָדָם זָאל זִיךְ נוֹהֵג זַיין אִין דֶער פְרִיה אַז עֶר שְׁטֵייט אוֹיף, אוֹיךְ מִיט זַיין תְּפִלָּה כְּדֵי דוּרְךְ דֶעם זָאל עֶר זוֹכֶה זַיין לְחַיִּים טוֹבִים וַאֲרוּכִים בָּעוֹלָם הַזֶּה וּבָעוֹלָם הַבָּא:

אַלֶע מֶענְשֶׁען ווייסֶען אַז דֶער שְׁלָאף אִיז אַ זֶעכְצִיג חֵלֶק פוּן דֶער מִיתָה. אוּן בַּייא נַאכְט גֵייט דִיא נְשָׁמָה פוּן דֶעם מֶענְשֶׁען אוֹיף דֶעם הִימֶעל אוּן שְׁרַייבְּט אָן וָואס עֶר הָאט בַּייא טָאג גִימַיין. נוּא וְוען הַשִּׁי"ת קֶערְט אִים דֶעם מֶענְשֶׁען זַיין נְשָׁמָה אִיז עֶר מְחוּיָּב תֵּיכֶף צוּ דַאנְקֶען אוּן צוּ לוֹיבֶּען הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עֶר זָאל זָאגֶען „מוֹדֶה אֲנִי לְפָנֶיךָ מֶלֶךְ חַי וְקַיָּם שֶׁהֶחֱזַרְתָּ בִּי נִשְׁמָתִי בְּחֶמְלָה. רַבָּה אֱמוּנָתֶךָ" אִיךְ לוֹיב דִיךְ, דֶער קִינִיג וָואס לֶעבְּט אֵייבִּיג וָואס הָאסְט מִיר ווידֶער גֶעגֶעבֶּען מַיין נְשָׁמָה מִיט דַיין גְרוֹיס דֶערְבַּארְמַקַייט. אֵיידֶער מֶען וַואשְׁט דִיא הֶענְד ווייל דָא שְׁטֵייט נִיט קֵיין שֵׁם. מֶען זָאל שְׁטֶעלֶען לֶעבֶּען בֶּעט אַ כֵּלִי מִיט וַואסֶער, וִויא

באלד ער שטייט אויף זאל ער תיכף וואשען די הענד
און מוז אפגיסען איטליכע האנד דרייא מאל און ניט
גיין פיער איילען אומגעוואשען: דיא מלאכים הייסען
עבדים און מיר זענען גאטס קינדער אזוי וויא עס
שטייט בנים אתם לה׳ אלהיכם, און אז דער מענש
איז מתפלל מיט׳ן גאנצען הארצין זא וויא אונזערע
חכמים זאגען „רחמנא לבא בעי״ השי״ת באגערט ניט
מעהר וויא א גוט הארץ. אנא מלך רחמן איך בעט
דיך בארמהערציגער קיניג פון דער גאנצער וועלט,
דיא ביסט דאך „נשא עון ועובר על פשע״ דיא ביכט
דאך מוחל דעם מענשען אויף זייגע זינד, אויב נאר
ער איז אויף זיך מקבל ער זאל מעהר ניט זינדיגען,
און מיר מענשען וואס מיר זענען באשאפען פון פלייש
און בלוט, איז שווער אויף זיך מקבל צו זיין אז מיר
זאלען ניט זינדיגען, נור מיר בעטען דיך ליבער גאט
אז דיא זאלסט שטארקען אונזער הארץ מיר זאלען
היטען דיין הייליגע תורה. בזכות זה זאלען מיר זוכה
זיין צו אלעם גוטין און צו זעהן דעם בנין בית המקדש
אין אונזערע טעג. אמן ואמן:

# פֶּרֶק שִׁירָה

אָמַר רַבִּי אֱלִיעֶזֶר כָּל הָעוֹסֵק בְּפֶרֶק שִׁירָה בָּעוֹלָם הַזֶּה זוֹכֶה לְאוֹמְרוֹ לָעוֹלָם הַבָּא שֶׁנֶּאֱמַר אָז יָשִׁיר מֹשֶׁה שָׁר לֹא נֶאֱמַר אֶלָּא יָשִׁיר אִתּוֹ לָעוֹלָם הַבָּא:

וְאָמַר רַבִּי כָּל הָעוֹסֵק בְּפֶרֶק שִׁירָה בָּעוֹלָם הַזֶּה מֵעִיד אֲנִי עָלָיו שֶׁהוּא נִצּוֹל מִיֵּצֶר הָרָע וּמִדִּין קָשֶׁה וּמִשָּׂטָן הַמַּשְׁחִית וּמִכָּל מִינֵי מַזִּיקִין וּמֵחֶבְלוֹ שֶׁל מָשִׁיחַ וּמִדִּינָהּ שֶׁל גֵּיהִנָּם וּמֵחִיבּוּט הַקֶּבֶר וְזוֹכֶה לִלְמוֹד וּלְלַמֵּד לִשְׁמוֹר וְלַעֲשׂוֹת וּלְקַיֵּם וְתַלְמוּדוֹ מִתְקַיֵּם בְּיָדוֹ וּמַאֲרִיךְ יָמִים וְזוֹכֶה לְחַיֵּי עוֹלָם הַבָּא:

שָׁמַיִם אוֹמְרִים. הַשָּׁמַיִם מְסַפְּרִים כְּבוֹד אֵל וּמַעֲשֵׂה יָדָיו מַגִּיד הָרָקִיעַ: אֶרֶץ אוֹמֶרֶת. לַיְיָ הָאָרֶץ וּמְלוֹאָהּ תֵּבֵל וְיוֹשְׁבֵי בָהּ: וְאוֹמֵר. מִכְּנַף הָאָרֶץ זְמִירוֹת שָׁמַעְנוּ צְבִי לַצַּדִּיק: יוֹם אוֹמֵר. יוֹם לְיוֹם יַבִּיעַ אֹמֶר וְלַיְלָה לְלַיְלָה יְחַוֶּה

שמים דִיא הִימְלֶן זָאגֶן לוֹיבְּט הקב"ה. דִיא הִימְלֶן דֶער צֵיילֶן גָאטְס כָּבוֹד אוּנ דִיא וֶוערְק פוּן זַיינֶע הֶענְד טוּט זָאגִין דֶער הִימֶל וָואס הֵייסְט רָקִיעַ. דְרוּם אִיר מֶענְשִׁין נֶעמְט אַייךְ אַמָשָׁל פוּן אוּנְז אוּנ לוֹיבְּט דֶעם אַלְמֶעכְטִיגִין גָאט: ארץ דִיא עֶרְד זָאגְט. צוּ גָאט אִיז דִיא עֶרְד אוּנ אִיר דֶער פִילוּנְג דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט אוּנ אִירֶע וִיצֶר. אוֹיךְ זָאגְט דִיא עֶרְד, פוּן אַלֶע עֶקִין פוּן דֶער עֶרְד הָאבִּין מִיר גִיהֶערְט זַיין לוֹיב. דָאס גְלוּסְטִיקַייט פוּן דֶעם צַדִיק אִיז עַז עֶס זָאל גִיהֶערְט וֶוערְן לוֹיבּוּנְג אוּנ גִיזַאנְג צוּ גָאט. דְרוּם לוֹיבְּט גָאט: יום דֶער טָאג

דָעַת: לַיְלָה אוֹמֵר. לְהַגִּיד בַּבֹּקֶר
חַסְדֶּךָ וֶאֱמוּנָתְךָ בַּלֵּילוֹת: שֶׁמֶשׁ מָה
הוּא אוֹמֵר. שֶׁמֶשׁ יָרֵחַ עָמַד זְבֻלָה
לְאוֹר חִצֶּיךָ יְהַלֵּכוּ: וְאוֹמֵר. קוּמִי אוֹרִי

זָאגְט אַשְׁבַח צוּ הקב"ה אֵיין טָאג צוּם אַנְדֶערְן טוּט
זָאגִין אַרֵייד צוּ לוֹיבִּין גָאטְס וואוּנְדֶר אוּנ פוּן אֵיין
נַאכְט צוּ דֶער אַנְדֶערֶע וֶוערְט גְעוִוייזִין אַוּיסְעֶנְשַׁאפְט
פוּן גָאטְס וואוּנְדֶער וֶוען דִיא זוּן גֵייט אוֹיף אוּן פַאר
גֵייט אִיז צוּ לוֹיבִּין גָאטְס וואוּנְדֶר דְרוּם לוֹיבְּט גָאט:
לילה דִיא נַאכְט זָאגְט אִין דֶער פְּרִיא זָאל מֶען דֶער
צֵיילֶן דַיין חֶסֶד אוּן דַיין אֱמֶת בַּיי דֶער נַאכְט. דְרוּם
אִיר מֶענְשִׁין לוֹיבְּט גָאט וָואס אַייעֶר נְשָׁמָה וֶוערְט
אַייךְ אוּמְגֶעקֶערְט אַלֶע פְּרִימָארְגֶן: שמש דִיא זוּן זָאגְט
דִיא זוּן אוּנ דִיא לְבָנָה שְׁטֵייעֶן שְׁטִיל אִין זֵייעֶר וָואנוּנְג
צוּ דֶער לִיכְט פוּן דַיינֶע פַיילֶן טוּעֶן זֵיי גֵיין. אוֹיךְ
זָאגְט דִיא זוּן עֶס אִיז גוּט צוּ לוֹיבֶּן גָאט אוֹיף שְׁלֶעכְטְּק
וִויא אוֹיף גוּטְס דֶען חָאטְשֶׁע אִיךְ וֶוער אָפְּט גִישְׁלָאגֶן

כִּי בָא אוֹרֵךְ וּכְבוֹד יְיָ עָלַיִךְ זָרָח: יָרֵחַ
מָה הוּא אוֹמֵר. עָשָׂה יָרֵחַ לְמוֹעֲדִים
שֶׁמֶשׁ יָדַע מְבוֹאוֹ: כּוֹכָבִים אוֹמְרִים.
וְהַמַּשְׂכִּילִים יַזְהִירוּ כְּזֹהַר הָרָקִיעַ
וּמַצְדִּיקֵי הָרַבִּים כַּכּוֹכָבִים לְעוֹלָם וָעֶד:
וְאוֹמֵר. אַתָּה הוּא יְיָ לְבַדֶּךָ אַתָּה עָשִׂיתָ
אֶת הַשָּׁמַיִם שְׁמֵי הַשָּׁמַיִם וְכָל צְבָאָם

פון דֶער לְבָנָה לָאזְט פַארְט מִיךְ גָאט בְּלֵייבִּין שְׁטֵיין
אויף מַיין לִיכְט דֶען גָאטְס כָּבוֹד טוּט ווידֶר בֵּייא
אוּנְז שַׁיינֶען דְרוּם לוֹיבְּט גָאט: ירח דִיא לְבָנָה זָאגְט
חָאטְשֶׁע אִיךְ וֶוער אֶן גֶירוּפֶן אַקְלֵיין לִיכְט קֶעגִין דֶער
זוּן הָאב אִיךְ דָאךְ וואוּיל מֶער צוּ לוֹבִּין גָאט דֶען דוּרְךְ
מִיר וֶוערִין אַלֶע רָאשֵׁי חֳדָשִׁים אוּנ יָמִים טוֹבִים
גֶישְׁטֶעלְט דְרוּם לוֹיבְּט גָאט: כוכבים דִיא שְׁטֶערִין
זָאגִין אַשֶּׁבַח צוּ הקב"ה. דִיא צַדִיקֵי תַּלְמִידֵי חֲכָמִים
וָואס קְלִיגֶן אִין דֶער תּוֹרָה וֶועלֶן זַיי לֵייכְטֶן פוּן וַויְיטְ

הָאָרֶץ וְכָל אֲשֶׁר עָלֶיהָ הַיַּמִּים וְכָל אֲשֶׁר בָּהֶם וְאַתָּה מְחַיֶּה אֶת כֻּלָּם וּצְבָא הַשָּׁמַיִם לְךָ מִשְׁתַּחֲוִים: עֲנָנֵי כָבוֹד אוֹמְרִים. אַף בְּרִי יַטְרִיחַ עָב יָפִיץ עֲנַן אוֹרוֹ: עֲנָנִים מָה הֵם אוֹמְרִים. יָשֶׁת חֹשֶׁךְ סִתְרוֹ סְבִיבוֹתָיו סֻכָּתוֹ חֶשְׁכַת

חָכְמָה וִויא דָאס לוּיטֶערְקֵייט פוּן דֶעם הִימֶל. אוּן דִיא וָואס מַאכִין צוּ פִיל לַייט רֶעכְט אוּנ פְּרוּם וֶועלִין זֵייא לַייכְטִין וִויא דִיא שְׁטֶערִין צוּ אֵייבִּיג. זֵייא זָאגִין גָאט קִינִיגְט גָאט הָאט גִיקִינִיגְט גָאט וֶועט קִינִיגִין: ענני כבוד דִיא הֵיילִיגֶע גְרוֹיסֶע וָואלְקֶן זָאגֶן אַשֶׁבַח צוּ הקב"ה גְרוֹיס בְּרוּמֶן אִיז אוֹיף דֶעם הִימֶל פוּן דִיא וָואלְקֶן וָואס בְּרֵיינְגֶן נַאסֶר צוּ רֶעגִינֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט. אוֹיךְ מִיר גְרוֹיסֶע וָואלְקִין הָאבִּין גִימַאכְט אַחוּפָּה צוּ דִיא יִשְׂרָאֵל פֶערְצִיג יָאר אִין דֶער מִדְבָּר צוּ מַצִיל זֵייא זַיין פוּן אַלֶע זַייטִין. עננים דִיא וָואלְקִין זָאגִין גָאט

מַיִם עָבֵי שְׁחָקִים: בְּרָקִים מָה הֵם אוֹמְרִים. בְּרָקִים לַמָּטָר עָשָׂה מוֹצֵא רוּחַ מֵאוֹצְרוֹתָיו: רוּחַ אוֹמֵר שִׁיר. עֹשֵׂה אֶרֶץ בְּכֹחוֹ מֵכִין תֵּבֵל בְּחָכְמָתוֹ וּבִתְבוּנָתוֹ נָטָה שָׁמָיִם: וְאוֹמֵר. אוֹמַר לַצָּפוֹן תֵּנִי

טוּט זַיין פַאר בָּארְגִינֶעשׁ אִין פִינְסְטֶערְנֶעשׁ אוּנ זַיין סוּכָּה אִין דִיא וָואלְקִין כְּדֵי צוּ בְּרֵיינְגֶען רֶעגִין וַואסֶר צוּ זַיינֶע בַּשֶׁעפֶּענִישׁ אוּנ זַייא וֶועלֶן מָאלְן מַן צוּ דִיא צַדִיקִים אִין דֶער צַייט פוּן מָשִׁיחַ דָרוּם לוֹיבְּט גָאט ברקים דִיא בְּלִיצֶן זָאגֶן אַשֶׁבַח צוּ הקב"ה עֶר הָאט בַּאשַׁאפִין דִיא בְּלִיצִין צוּ דֶער צַייט פוּן דֶעם רֶעגִין אוּנ אוֹיךְ דֶעם ווִינְט צִיהְט עֶר אוֹים פוּן זַיינֶע בַּהֶעלְטִינֶשׁ: רוח דֶער ווִינט זָאגְט אַשֶׁבַח צוּ הקב"ה עֶר הָאט בַּשַׁאפֶן דִיא עֶרְד מִיט זַיין כֹּחַ אוּנ דִיא וֶועלְט הָאט עֶר אָן גְבְּרֵייט מִיט זַיין קְלוּגְשַׁאפְט אוּנ מִיט זַיין פַאר שְׁטַאנְדִיקְייט הָאט עֶר גִינֵייגְט דִיא הִימִיל צוּ דֶער

וּלְתֵימָן אַל תִּכְלָאִי הָבִיאִי בָנַי מֵרָחוֹק וּבְנוֹתַי מִקְצֵה הָאָרֶץ: טַל אוֹמֵר שִׁירָה. אֶהְיֶה כַטַּל לְיִשְׂרָאֵל יִפְרַח כַּשּׁוֹשַׁנָּה וְיַךְ שָׁרָשָׁיו כַּלְּבָנוֹן: גְּשָׁמִים אוֹמְרִים

עֶרד צוּ גֶעבְּן דִיא הַיילִיגֶע תּוֹרָה דִיא יִשְׂרָאֵל נָאךְ מֶער זָאגְט דֶער ווינְט הקב"ה זָאגְט אוֹיף מִיר צוּ צָפוֹן גִיבּ דַיין ווינְט אוּנ דָרוֹם פַּרְמַייד נִיט דַיין ווינְד צוּ בְּרֵיינְגֶן מַיינֶע זִין פוּן וַוייטִין אוּנ מַיינֶע טֶעכְטֶער פוּן עֶנְד דֶער עֶרד אִין דֶער צֵייט פוּן מְשִׁיחַ דָרוֹם לוֹיבְּט גָאט טל דִיא טוֹי זָאגְט הקב"ה זָאגְט צוּ דִיא יִשְׂרָאֵל אַזוֹ וואוּיל וִויא דִיא טוֹי פַאלְט אוֹיף אַלֶע וַוייטִין פוּן דֶער וֶועלְט אַזוִויא וֶועל אִיךְ בַּאהִיטֶען דָאם פָאלְק יִשְׂרָאֵל פוּן אַלֶעם בֵּייזֶען אוֹיף אַלֶע זַייטֶען אוּנ זַייא וֶועלִין בְּלִיעֶן וִויא אַרוֹיז אוּנ דִיא טוּיא וֶועט שְׁלָאגִין זַיינֶע וָוארְצְלֶען זַייא וֶועלִין וַואקְסִין וִויא אַטֶעגֶען בוֹים אִין וַואלְד דְרוֹם לוֹיבְּט גָאט: גשמים דִיא

שִׁיר. גֶּשֶׁם נְדָבוֹת תָּנִיף אֱלֹהִים נַחֲלָתְךָ וְנִלְאָה אַתָּה כוֹנַנְתָּהּ: מַיִם מָה הֵם אוֹמְרִים. לְקוֹל תִּתּוֹ הֲמוֹן מַיִם בַּשָּׁמַיִם וַיַּעֲלֶה נְשִׂאִים מִקְצֵה הָאָרֶץ: מַעְיָנוֹת אוֹמְרִים שִׁיר. וְשָׁרִים כְּחוֹלְלִים כָּל

רֶעגֶן זָאגְט שִׁירָה. דוּ גָאט הָאסְט אוֹיף גֶיהוֹיבֶּן אַרֶעגֶן פוּן נְדָבָה אוּנ פוּן בְּרָכָה אז וֶוען דַיין נַחֲלָה אִיז מִיד אוּנ דָארְשְׁטִיג צוּ רֶעגִין הָאסְטוּ אוּנְז אָן גִיבְּרֵייט צוּ רֶעגִינֶען דְרוּם לוֹיבְּט גָאט: מים דִיא וַואסֶער זָאגֶן לוֹיב צוּ הקב"ה פוּן וֶועגֶן דָאס גְרוֹיסֶע קוֹל אוּנ בְּרוּמוּנְג פוּן דִיא שְׁטַארְקֶע וַואסֶערֶן אַז זֵייא זַיינֶן צוּ טֵיילְט גֶיוָוארֶן הַאלְב אִין הִימֶל אוּנ הַאלְב אוֹיף דֶער עֶרד טוּעֶן מִיר לוֹיבֶּן דֶעם אַלְמֶעכְטִיגִין גָאט. אוּנ עֶר טוּט אוֹיף בְּרֵיינְגֶן דִיא וָואלְקֶן פוּן עֶנְד דֶער וֶועלְט: מעינות דִיא קְוַואלִין וַואסֶער זָאגִין שִׁירָה, מִיר זֵיינֶן בֶּעסֶער פוּן אַנְדֶערֶע וַואסֶער דֶען אַלֶע הַארִין טְרִינְקֶען פוּן אוּנְזֶערֶע קְוַואלֶן אוּנ הָאבֶּן הֲנָאָה פוּן אוּנְז, אוּנ

מַעְיְנֵי בָּךְ: נְהָרוֹת מָה הֵם אוֹמְרִים. נְהָרוֹת יִמְחֲאוּ כָף יַחַד הָרִים יְרַנֵּנוּ: וְאוֹמֵר. נָשְׂאוּ נְהָרוֹת קוֹלָם יִשְׂאוּ נְהָרוֹת דָּכְיָם: יַמִּים אוֹמְרִים. מִקֹּלוֹת מַיִם רַבִּים אַדִּירִים מִשְׁבְּרֵי יָם אַדִּיר בַּמָּרוֹם יְיָ:

ווייל מיר זיינען בּאַדעקט אין דער ערד דרום ווערן מיר קיין מאל ניט אויס גישעפּט און קומען אַלע מאל צו. דרום וועלען מיר זינגען צו דיר גאָט און מיין בטחון איז אויף דיין הילף: נהרות דיא טייכען זאָגען מיר טייכען טוען קלאַפּען דיא טענער צו אַנאַנדער און טוען דער הייבען מיט אַגרויס קויל אַלויב צו הקב"ה צו זאָגען אַז דו נעמסט אַטייל וואַסער אין הימעל און גיסט עס אונז אַראָפּ צו גילאָזט אונטען אויף דער ערד וואָרום זאָלען מיר זיין פאַר שטויסען מיר זיינען דאָך אזו גוט וויא דיא אויבּערשטע וואַסער הייבען דיא וואַסער אויף אַגרויס קויל און לויבען צו גאָט: ימים דיא ימים זאָגען שירה

## לִוְיָתָן מָה הוּא אוֹמֵר. הוֹדוּ לַיְיָ כִּי טוֹב כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ: דָּגִים אוֹמְרִים שִׁיר. קוֹל יְיָ עַל הַמָּיִם אֵל הַכָּבוֹד הִרְעִים יְיָ עַל מַיִם רַבִּים: תַּנִּינִים אוֹמְרִים

פַר הקב״ה מֶער אַז דִיא קוֹלוֹת פוּן דִיא גְרוֹיסֶע וַואסֶערְן אוּנ מֶער פוּן דִיא שְׁטַארְקֶע אִינְדֶן פוּן דֶעם יַם בִּיסְטוּ שְׁטַארְקֶער פוּן זֵיי דוּ גָאט אִין הִימֶל: לויתן דֶער גְרוֹיסֶער פִישׁ לִוְיָתָן זָאגְט אִיר לַייט לוֹיבְּט גָאט אוֹיף בֵּייזֶן אוּנ אוֹיף גוּטֶן דֶען וֶוען גָאט נֶעמְט מִיךְ צוּ פַאנְגֶן טוּ אִיךְ דָאךְ לוֹיבֶּן הקב״ה אֵייבִּיג דָאס אִיךְ בִּין אָן גְבְּרֵייט צוּ מַאכֶן פוּן מִיר אַסְעוּדָה צוּ דִיא צַדִיקִים לעוה״ב דְרוּם וֶועט זַיין גָאטְס גְנָאד צוּ מִיר אֵייבִּיג: דגים דִיא פִישׁ זָאגֶן גָאטְס קוֹל אִיז אוֹיף דֶעם וַואסֶער דֶער אַלְמַאכְטִיגֶער גָאט הָאט גְבַּאכְט שְׁטוּרְעמֶען דִיא גְרוֹיסֶע אִינְדִין אוֹיף דֶעם וַואסֶר דָאךְ וואויל גִיט עָר דֶעם מֶענְטְשִׁין פַאר שְׁטַאנְד עֶר זָאל נִיצוֹל וֶוערְן פוּן דֶעם גְרוֹיסֶן שְׁטוּרְעם צוּ גֵיין מִיט שִׁיפֶן אִיבֶּר דֶעם יַם: תנינים דִיא גְרוֹיסֶע פִישׁ פוּן דֶעם יַם זָאגֶן לוֹיבְּט גָאט

שִׁיר. הַלְלוּ אֶת יְיָ מִן הָאָרֶץ תַּנִּינִים
וְכָל תְּהוֹמוֹת: שִׁיר לְגַן עֵדֶן. עוּרִי צָפוֹן
וּבוֹאִי תֵימָן הָפִיחִי גַנִּי יִזְּלוּ בְשָׂמָיו יָבֹא
דוֹדִי לְגַנּוֹ וְיֹאכַל פְּרִי מְגָדָיו: גֵּיהִנֹּם
אוֹמֵר שִׁיר. כִּי הִשְׂבִּיעַ נֶפֶשׁ שׁוֹקֵקָה

אִיר בַּאשֶׁעפֶּענִשׁ פוּן דֶער וֶועלְט דֶען מִיר וֵוייסֶען גָאטְ
וואוּנְדֶער מֶער פוּן אַייךְ מִיר וֶעהֶן אִין יַם אַלֶערְלֵיי
בַּאשֶׁעפֶּענִשׁ וָואס אוֹיף דֶער יַבָּשָׁה אוֹיךְ אַלֶע פִישׁ
פוּן דֶעם אָפּ גְרוּנְט לוֹיבֶּן גָאט וַוייל מֶען קָאן זֵייא
נִיט חַאפֶּן: גן עדן דֶער גַּן עֵדֶן זָאגְט מַיין הָאפְנוּנְג אִיז
צוּ זֶעטִיגֶן צַדִּיקִים מִיט קְרַאפְט וַוייל זֵיי זַיינֶען אוֹיס
גִיהוּנְגֶערְט פוּן תַּעֲנוּגִים אוֹיף דֶער וֶועלְט כְּדֵי צוּ דִינֶן
גָאט. דָרוֹם דֶער וֶועק דִיךְ דוּ צָפוֹן וִוינְט אוּנ קוּם דוּ
וִוינְט פוּן דָרוֹם צוּ וֵוייעֶן אִין מַיין גָארְטֶן דָאס זַיינֶע
בְּשָׂמִים זָאל שְׁמֶעקֶן וַוייט לָאז מַיין פְרַיינְט קוּמֶן אִין
זַיין גָארְטֶן אוּנ זָאל עֶסֶן זַיינֶע גוּטֶע פֵּירוֹת לוֹיבְּט גָאט:
גיהנם דֶער גֵיהִנָּם זָאגְט וַוייל דֶער רָשָׁע אִיז גִיוֶוען זַאט

וְנֶפֶשׁ רְעֵבָה מִלֵּא טוֹב: מִדְבָּר אוֹמֵר:
יְשֻׂשׂוּם מִדְבָּר וְצִיָּה וְתָגֵל עֲרָבָה
וְתִפְרַח כַּחֲבַצָּלֶת: וְאוֹמֵר. יִשְׂאוּ מִדְבָּר
וְעָרָיו חֲצֵרִים תֵּשֵׁב קֵדָר יָרֹנּוּ יֹשְׁבֵי

אויף דעם עולם ער האט גיטאן וואס זיין הארץ האט
גלוסט צו טאן צו דער צערינן גאט דרום טו איך
ווארטן איין צו שלינגן אים צו מאכין אים הונגעריג
אבער דיא צדיקים וואס זיינן גיוועזן הונגעריג אויף דער
וועלט פון גוטס וועלן ניט קומן אין מיר דרום לוייבט
גאט: מדבר דיא וויסטע מדבר זאגט זיי וועלין זיך
פרייען דיא וויסטע פעלדר אונ עס וועלן זיך פרייען
דיא וויסטע ערטר עס וועט דארטן וואקסן אונ בליען
וויא ארויז דיא וויסטע מדבר וועט אויף הייבן אהויך
קול עס וועט דארטן גיבויעט ווערן שיינע שטעט
דארטן וואו עס איז גיוועזן וויסט גאר טאטערן האבן
דארטן גיהאט גצעלטן וועלן שטעט אונ דערפר
גיבויעט ווערן זייא וועלין זינגן דיא וואס זיצין אין דיא

סֶלַע מֵרֹאשׁ הָרִים יִצְוָחוּ: שָׂדוֹת מָה הֵם אוֹמְרִים. יְיָ בְּחָכְמָה יָסַד אֶרֶץ כּוֹנֵן שָׁמַיִם בִּתְבוּנָה:

יְרָקוֹת שֶׁבַּשָּׂדֶה אוֹמְרִים. תְּלָמֶיהָ רַוֵּה נַחֵת גְּדוּדֶהָ בִּרְבִיבִים תְּמוֹגְגֶנָּה

פֶעלְזִין פוּן דִיא שְׁפִּיץ בֶּערְג וֶועלִין וִיי שְׁרַייעֶן כֶּיעֶן זָאל וֶעהֶען גָאטְס וואוּנְדֶר צוּ לוֹיבֶּן גָאט: שדות דִיא פֶעלְדֶער זָאגֶן שִׁירָה. הקב"ה אוּנְזֶער הַאר הָאט גִיגְרוּנְד פֶעסְט דִיא עֶרְד מִיט קְלוּגְהַייט אַז וֶועלְכֶם פֶעלְד אִיז גוּט צוּ זַייעֶן ווַייץ אוּנ קָארְן אָדֶר גוּטֶע בּוֹימֶר פוּן אוֹיבְּס אוּנ טֶעגֶען בּוֹימֶר אוֹיךְ הָאט עֶר דִיא הִימְלֶן אָן גִיבְּרֵייט מִיט פַאר שְׁטַאנְט דְרוּם לוֹיבְּט גָאט:

ירקות דִיא קְרֵייטֶער זָאגֶן אַז וֶוען מֶען מַאכְט גְרִיבֶּר אִין דִיא גֶערְטְנֶער בְּלַייבְּט זִיא וַואסֶר צְווִישֶׁן דִיא בֵּייטִין טוּעֶן דִיא קְרַייטֶער בַּאלְד אוֹיף גֵיין אוּנ שֵׁיין וַואקְסֶן מֶער וִויא אַנְדֶערֶע גֶערְטְנֶר אַזוֹי אוֹיךְ דִיא פְרוּמֶע לַייט וָואס טוּעֶן פִיל גוּטְס אוּנ מִצְוֹת קֶענִין זֵיי בַּאלְד קוּמֶן

צִמְחָה תְּבָרֵךְ: שִׁבּוֹלֶת חִטִּים אוֹמֶרֶת. שִׁיר הַמַּעֲלוֹת מִמַּעֲמַקִּים קְרָאתִיךָ יְיָ: שִׁבּוֹלֶת שְׂעוֹרִים אוֹמֶרֶת. תְּפִלָּה לְעָנִי כִּי יַעֲטֹף וְלִפְנֵי יְיָ יִשְׁפֹּךְ שִׂיחוֹ: שִׁבּוֹלֶת דָּגָן וּשְׁאָר שִׁבֳּלִים

צום גַאנְצֶען פון הקב״ה דְרום לויבְּט גָאט: שבולת חטים די וַאנְגְען פון וַוייץ זָאגִין שִׁירָה פַאר הקב״ה. פון דֶער טִיפִין עֶרְד טוא אִיךְ גָאט רופֶן אונ לוּיבֶּן פון דֶער צַייט וָואס מֶען לֵייגְט מִיךְ אִין דֶער עֶרְד בִּיז דֶער צַייט וָואס אִיךְ וֶוער אַוּאקְג אִיז תָּמִיד מַיין לויב עֶר זָאל מִיךְ דֶער הויבִּין צו זַיין אַגרויסֶר זַאנְג צו לוֹיבִּין גָאט אֵייבִּיג: שבולת שעורים דִי זַאנְגֶן פון גֶערְשְׁטִין זָאגִין וִויא זָאלִין מִיר נִיט דִינֶען אונְזֶער גָאט דֶען דֶער אָרִימַאן אַז עֶר הָאט נִיט וָואס צו עֶסִין טוט עֶר זִיךְ אוּם וֶוענְדֶן אונ טוט בֶּעטֶן גָאט אַז עֶר זָאל אִים בַּאשֶׁערֶן הָאטְשֶׁע גֶערְשְׁטֶן בְּרוֹיט צו עֶסִין אונ בַּאלְד וֶוערְט זַיין גִיבֶּעט אָן גִינוּמֶען פַאר גָאט דְרום לויבְּט

# אוֹמְרִים. לָבְשׁוּ כָרִים הַצֹּאן וַעֲמָקִים יַעַטְפוּ בָר יִתְרוֹעֲעוּ אַף יָשִׁירוּ:

# אִילָנוֹת שֶׁבַּשָּׂדֶה אוֹמְרִים. אָז יְרַנְּנוּ עֲצֵי הַיָּעַר מִלִּפְנֵי יְיָ כִּי בָא לִשְׁפּוֹט אֶת

אויף גָאט: שבלת דגן דִיא וַאנְגֶען קָארִין זָאגִין שִׁירָה. דִיא שָׁאף הָאבִּין זִיךְ אָן גִיקְלֵייד מִיט פֶּעטְקֵייט וַוייל זֵיי הָאבִּין פוּן אוּנְז גִיגֶעסִין אָבֶּר דִיא מָאגִירֶע שָׁאף הָאבִּין גְרָאז גִיגֶעסִין אוּנ דִיא בֶּעסִירֶע גְרָאזִין הָאבִּין זֵיי גִילָאזִין פַאר דִיא מֶענְטְשִׁין כְּדֵי זֵיי זָאלִין שְׁטַארְק זַיין צוּ לוֹיבֶּן גָאט דְרוּם אִיר לַייט לוֹיבְּט גָאט: אילנות דִיא לֵיידִיגֶע בּוֹימֶר וָואס אִין פֶּעלְד זָאגִין שִׁירָה וְויא זָאלִין מִיר נִיט לוֹיבֶּן אוּנ זִינְגֶען צוּ גָאט דֶען אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶן וֶועט אוֹיף אוּנְז אוֹיךְ וַואקְסִין פֵּירוֹת דֶעגְסְט מָאל וֶועט הקב"ה קוּמֶן מְשַׁפְּטִין דִיא עֶרְד אוּנ וֶועט מְשַׁפְּטִין דִיא וֶועלְט מִיט רֶעכְט פַּארְטִיקֵייט אוּנ דִיא פֶּעלְקֶר מִיט וַוארְהַייט דְרוּם זָאל זִיךְ דֶער מֶענְשׁ אַרַאְיָה נֶעמֶן פוּן דִיא לֵיידִיגֶע בּוֹימֶער וֶוען עֶר אִיז

הָאָרֶץ: גֶּפֶן אוֹמֶר שִׁיר. כֹּה אָמַר יְיָ כַּאֲשֶׁר יִמָּצֵא הַתִּירוֹשׁ בָּאֶשְׁכּוֹל וְאָמַר אַל תַּשְׁחִיתֵהוּ כִּי בְרָכָה בּוֹ כֵּן אֶעֱשֶׂה

אֲפִילוּ אַ רָשָׁע דָאךְ קֶען עֶר תְּשׁוּבָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים טָאן אוּנ צוּ פִיל גוּטְס זוֹכֶה זַיין דְרוּם לוֹיבְּט צוּ גָאט: גפן דֶער וַויין שְׁטָאק זָאגְט אזוֹ הָאט גָאט צוּ מִיר גֶיזָאגְט אַזוֹ וְויא דִיא וַויין טְרוּבֶּן הֵייגֶען אִין דֶעם הֵיינְגֶל אוּנ דוּ פַאר דַארְבְּסְט אִים נִיט צוּ טְרִיפִין דֶעם וַויין דֶען דִיא בְּרָכָה אִיז אִין אִים אַזוֹ וֶועל אִיךְ מַיין פָאלְק אויךְ נִיט פַאר דַארְבְּן אוּנ אַזוֹ וואויל אַז דֶער וַויין אִיז חָשׁוּב דָאס מֶען מוּז אִיבֶּר אִים בַּאזוּנְדֶר אַבְּרָכָה מַאכִין אִין דֶער סְעוּדָה וָואס מֶען מַאכְט נִיט אִיבֶּר אַנְדֶרֶע מַשְׁקָאוֹת אויךְ בַּייא חֲתָנִים וְכַלּוֹת נֶעמְט מֶען וַויין צוּ בְּרָכָה מַאכְן אַזוֹ זַיינֶען דִיא צַדִיקִים אויךְ חָשׁוּב בַּייא אוּנְזֶער גָאט אויךְ אַזוֹ וואויל אַז פוּן דִיא וַויין טְרוּיבְּן וֶוערְט גוּטֶער וַויין אַזוֹ לָאזְט גָאט וִויסִין אַז דֶער רָשָׁע קָאן תְּשׁוּבָה טָאן דוּרךְ דֶעם צַדִיק אוּנ זַיין תְּשׁוּבָה

לְמַעַן עֲבָדַי לְבִלְתִּי הַשְׁחִית הַכֹּל: תְּאֵנָה אוֹמֶרֶת שִׁיר. נוֹצֵר תְּאֵנָה יֹאכַל פִּרְיָהּ: רִמּוֹן מָה הוּא אוֹמֵר. כְּפֶלַח הָרִמּוֹן רַקָּתֵךְ: תָּמָר אוֹמֵר. צַדִּיק כַּתָּמָר יִפְרָח

וֶוערְט אָן גִינוּמֶן דְרוּם לוֹיבְּט גָאט: תאנה דֶר פַייגִין בּוֹים זָאגְט שִׁירָה דִיא פַייגִין וֶוערִין נִיט צַייטִיג אַלֶע מִיט אַמָאל נַייעֶרְט וֶוער עֶם וִויל עֶסִין פַייגִין מוּז עֶר גֵיין אַלֶע טָאג אוּנ אוֹים קְלַייבִּין פוּן דֶעם פַייגִין בּוֹים בִּיסְלַאךְ וַויים וָואם זַיינֶן פְּרִיעֶר צַייטִיג גִיוָוארִין אַזוֹי מוּז דֶער מֶענְטְשׁ אַלֶע טָאג הִיטִין צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּנ מִצְוֹת טָאן וֶוען עֶר וִויל הָאבִּין אַ חֵלֶק לָעוֹלָם הַבָּא מִיט דִיא צַדִיקִים דְרוּם לוֹיבְּט גָאט: רמון דִיא מִיל גְרוֹים בּוֹים זָאגְט שִׁירָה אַזוֹי וִויא אַז מֶען צוּ שְׁפַּאלְט אַמִיל גְרוֹים אוֹיף צְוַוייעֶן זֶעהט מֶען אַז עֶר אִיז פוּל מִיט קֶערְן אַזוֹי זַיינֶן אֲפִילוּ דִיא גִימֵיינֶע מֶענְטְשִׁין וָואם מֶען הַאלְט זֵיי פַאר גְרִינְג אוֹיךְ פוּל מִיט מִצְווֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים דְרוּם לוֹיבְּט גָאט: תמר

# כְּאֶרֶז בַּלְּבָנוֹן יִשְׂגֶּה: תַּפּוּחַ אוֹמֵר. כְּתַפּוּחַ בַּעֲצֵי הַיַּעַר כֵּן דּוֹדִי בֵּין הַבָּנִים בְּצִלּוֹ חִמַּדְתִּי וְיָשַׁבְתִּי וּפִרְיוֹ מָתוֹק לְחִכִּי:

דֶער טֵייטִיל בּוֹים זָאגְט אַזוֹ וְויא אַטֵייטִיל בּוֹים וֶוערְט דֶער קָאנְט אִין זַיין יוּגֶינְט אוֹיבּ עֶס וֶועט אוֹיף אִים וַואקְסִין אוֹפְּס אִין זַיין עֶלְטֶער אַזוֹ וֶוערְט דֶער מֶענְשׁ דֶער קֶענְט מִיט מַעֲשִׂים טוֹבִים אַז עֶר אִיז דֶער נָאךְ אַ צַדִּיק מַאכְט אִים הקב"ה חָשׁוּב צוּ דֶער הֵייבִּין אִים אַזוֹ וְויא אַטֶענֶען בּוֹים אִיז הֶעכֶר פוּן מִיר טֵייטִיל בּוֹים דְּרוּם לוֹיבְּט נָאט אוּנְזֶער הֶער: תפוח דֶער עֶפִּיל בּוֹים זָאגְט וֶוען אֲפִילוּ מַיין שָׁאטִין אוּנ בְּלֶעטֶער זַיינֶן וֵויינִיגֶער אוּנ קְלֶענֶר פוּן אַנְדֶרֶע בּוֹימֶר וָואס טְרָאגִין אוֹפְּס דָאךְ הָאט אִיטְלִיכֶר מֶענְטְשׁ לוּסְט צוּ זִיצִין אוּנְטֶער מַיין שָׁאטִין פוּן וֶועגִין דֶעם גֶעשְׁמַאקְן רֵיחַ פוּן מַיינֶע בְּלֶעטֶר זִיצִין דִיא מֶענְטְשִׁין אִין מַיין שָׁאטִין בִּיז מַיינֶע עֶפִּיל וֶוערִין צֵייטִיג צוּ עֶסִין אַזוֹ אוֹיךְ דִיא

## שְׁרָצִים אוֹמְרִים שִׁיר. יְהִי כְבוֹד יְיָ לְעוֹלָם יִשְׂמַח יְיָ בְּמַעֲשָׂיו: אֵלִים שֶׁבַּשְּׁרָצִים מָה הֵם אוֹמְרִים. יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל בְּעוֹשָׂיו בְּנֵי צִיּוֹן יָגִילוּ בְמַלְכָּם:

צַדִיקִים זִיצִין אִין שָׁאטִין אויף דֶער וֶועלְט חָאטְשֶׁע דֶער שָׁאטִין אִיז נִיט גַאנְץ דָאךְ הָאפֶּן זֵיי צוּ גָאטְס הִילְף אַז דֶער שָׁאטִין וֶועט גַאנְץ זַיין פוּן מִצְוֹת אוּנ מַעֲשִׂים טוֹבִים דֶען דִיא מִצְוֹת וָואס מִיר טוּעֶן וֶועלִין מִיר גִיפִינֶען אויף יֶענֶער וֶועלְט דְרוּם זָאלִין מִיר גוּט אוּנ פְרוּם זַיין צוּ דִינֶען דֶעם אַלְמַאכְטִיגֶן גָאט: שרצים אומרים שיר דִיא שְׁרָצִים זָאגֶן לוֹיבְּט צוּ הקב״ה יהי כבוד ה׳ לעולם ישמח ה׳ במעשיו גָאטְס כָּבוֹד זָאל זַיין צוּ אֵייבִּיג גָאט זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט זַיין וֶוערְק דֶען עֶר בַּשֶׁערְט אִיטְלִיכְן זַיין עֶסִין: אלים שבשרצים דִיא שְׁטַארְקֶע שְׁרָצִים זָאגֶן דִיא יִשְׂרָאֵל זָאלְן זִיךְ פְרֵייעֶן אִין זַיין בַּאשֶׁעפֶער דִיא קִינְדֶער פוּן דֶער גְרויסֶער שְׁטָאט צִיּוֹן זָאלִין זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט זֵייעֶר קִינִיג אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶן אִם יִרְצֶה

## צְפַרְדֵעַ אוֹמֶרֶת שִׁיר. בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד

הַשֵׁם: צפרדע דִיא פְּרָאשׁ זָאגְט לויב צוּ הקב"ה גְלויבְּט
אִיז זַיין הֵיילִיגֶר גִיעֶהרְטֶר נָאמֶן פוּן גָאט זַיין קֶינִיגְרַייךְ
אִיז צוּ אִימֶער אוּנ אֵייבִּיג. אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים זָאגֶן אַז דָוִד
הַמֶלֶךְ ע"ה הָאט אוים גִילָאזְט דָאס סֵפֶר תְּהִלִים
הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר חָשׁוּב אוּנ הויךְ גִיהַאלְטִין אוּנ
הָאט גִיזָאגְט לִיבֶּער גָאט אִיז דֶען נָאךְ דָא צְווִישִׁין
אַלֶע בַּאשֶׁעפֶענֶשׁ אַזֶעלְכֶר וָואס עֶר זָאל אַזוֹ פִיל
גִיזַאנְג אוּנ לויב זָאגִין פַאר דִיר וִויא אִיךְ אַזוֹ בַּאלְד
הָאט זִיךְ גִיטְרָאפִין אַיין פְּרָאשׁ צוּ דָוִד אוּנ זָאגְט דָוִד
הַמֶלֶךְ זַיי נִיט אַזוֹ הָאפֶערְדִיג מִיט דַיין לויב אוּנ
גִיזַאנְג זֶעה וִויא אִיךְ בִּין אַקְלֵיין בַּאשֶׁעפֶענֶעשׁ לויב
אִיךְ אוּנ זִינְג צוּ גָאט ב"ה מֶער אַז דוּ אוּנ נִיט דָאס
אַלֵיין וָואס אִיךְ לויב צוּ הקב"ה נַייעֶרְט אִיטְלִיכֶע
לויב הָאט דְרַיי טויזִינְט מְשָׁלִים וִויא אִין פָּסוּק שְׁטֵייט
וידבר שלשת אלפים משל ויהי שירו חמשה ואלף דָאס אִיז
טַייטְשׁ אוּנ עֶר רֶעט דְרַיי טויזִינְד מְשָׁלִים אוּנ זַיין
לויב אִיז גִיוֶועְן טויזִינְט אוּנ פִינְף דְרוּם טוּט אִיהר

# מַלְכוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד: נָחָשׁ אוֹמֵר. סוֹמֵךְ יְיָ לְכָל הַנּוֹפְלִים וְזוֹקֵף לְכָל הַכְּפוּפִים: עַקְרָב אֹמֵר. טוֹב יְיָ לַכֹּל וְרַחֲמָיו עַל

מֶענְטְשִׁין גָאט לוֹיבִּין דֶעם אַלְמַאכְטִיגִין הֶערִין: נחש דֶער שְׁלַאנְג זָאגְט לוֹיבּ צוּ הקב"ה לִיבֶּער גָאט דוּ בִּיסְט גִירֶעכְט וָואס דוּ הָאסְט גִיבּוֹיגִין מַיין הויךְ וַוייל אִיךְ הָאבּ גִיזִינְדִיגְט אוּנ הָאבּ אָן גִירֶעט צוּ חַוָּה צוּ עֶסִין פוּן דֶעם בּוֹים. דָאךְ רִיכְטְסְטוּ מִיךְ אוֹיף אַז אִיךְ קָאן מִיךְ מַצִּיל זַיין פוּן מַיין פַיינְט עֶר זָאל מִיךְ נִיט דֶר שְׁלָאגִין דְרוּם לוֹיבְּט גָאט: עקרב דֶער עֶגְדֶעשׁ זָאגְט וִויא גָאר גוּט אִיז הקב"ה צוּ אַלֶע אוּנ זַיין דֶער בַּארִימְהַארְצִיקַייט אִיז אוֹיף אַלֶע זַיינֶע בַּאשֶׁעפֶענִישׁ סַיי אוֹיף גוּטֶע אָדֶער בֵּייזֶע וֶוען אֲפִילוּ אִיךְ וֶוער גִישִׁיקְט צוּ בֵּייסֶען אַמֶענְטְשִׁין וַוייל עֶר הָאט אַיין עֲבֵירָה גִיטָאן אָבֶּער אַז עֶר הָאט חֲרָטָה אוּנ טוּט תְּשׁוּבָה אוֹיף זַיין עֲבֵירָה וֶוערְט מַיין שְׁלִיחוּת צוּנִישְׁט דְרוּם גִיהֶער אִיטְלִיכֶער מֶענְשׁ גָאט בֶּעטִין עֶר זָאל

כָּל מַעֲשָׂיו: חָתוּל מָה הוּא אוֹמֵר. אִם תַּגְבִּיהַּ כַּנֶּשֶׁר וְאִם בֵּין כּוֹכָבִים שִׂים קִנֶּךָ מִשָּׁם אוֹרִידְךָ נְאֻם יְיָ: עַכְבָּר אוֹמֵר. אֲרוֹמִמְךָ יְיָ כִּי דִלִּיתָנִי וְלֹא שִׂמַּחְתָּ אֹיְבַי לִי: חוֹמֶט מָה הוּא אוֹמֵר. כְּמוֹ שַׁבְּלוּל תֶּמֶס יַהֲלֹךְ נֵפֶל אֵשֶׁת בַּל חָזוּ

נִיצוֹל וֶוערִן פוּן מִיר: חתול אַיין קַאץ זָאגְט וֶוען דוּ וֶועסְט אֲפִילוּ דֶר הוֹיבְּן וֶוערִן אִין דֶער הוֹיךְ אַזוֹ וִויא דֶער אָדְלֶער פְלִיהט הוֹיךְ אוּנ דוּ מֵיינְסְט צוּ מַאכִין דַיין נֶעסְט הוֹיךְ צְווִישִׁין דִיא שְׁטֶערִין וֶועל אִיךְ דִיךְ פוּן דָארְטִין אַרָאפּ נִידֶערִן דְרוּם לוֹיבּ אִיךְ אוֹיךְ צוּ גָאט: עכבר דִיא מוֹיז זָאגְט לוֹיבְּט צוּ הקב"ה אִיךְ טוּ דִיךְ לוֹיבְּן גָאט וָואס דוּ הָאסְט מִיךְ מַצִיל גִיוֶוען פוּן דֶעם טוֹיט אוּנ הָאסְט נִיט גְמַאכְט פְרֵייעֶן מַיין פַיינְט אוֹיף מִיר דְרוּם לוֹיבְּט דֶעם אַלְמַאכְטִיגֶן גָאט: חומט דֶער שְׁנֶעק זָאגְט חָאטְשֶׁע אִיךְ בִּין אַשְׁפָּל בַּשֶּׁעפֶּעֶנִשׁ

# שֶׁמֶשׁ: אוֹנְבִי אוֹמֵר. נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי יֹאמַר אֱלֹהֵיכֶם: זְבוּב בְּשָׁעָה שֶׁאֵין יִשְׂרָאֵל עוֹסְקִין בַּתּוֹרָה אוֹמֵר. קוֹל אוֹמֵר קְרָא וְאָמַר מָה אֶקְרָא כָּל הַבָּשָׂר

אויף דֶער וֶועלְט וויא דָוִד הַמֶּלֶךְ ע"ה הָאט גִישָׁאלְטְן דִיא רְשָׁעִים דָאס זֵיי זָאלִין פַאר שְׁנִיטִין וֶוערִן וויא אַשְׁנֶעק אוּנ זָאלִין צוּ גֵיין וויא אַמוֹיל וָוארְף וָואס מִיר זֶעהן נִיט דִיא זוּן וַוייל מִיר הָאבִין קֵיין אוֹיגִין נִיט טוּעְן מִיר דָאךְ לוֹיבִּין דֶעם אַלְמַאכְטִיגִין גָאט אוּנְזֶער בַּאשֶׁעפֶר: אונבי אַקְלֵיין וֶוערְמִיל זָאגְט שִׁירָה. אַלְמֶאכְטִיגֶער גָאט זָאגְט טְרֵייסְט אַיךְ מַיין לִיבּ פָאלְק אוּנ נֶעמְט אָן מַיין טְרֵייסְטִין וַוייל אִיךְ בִּין בֵּיי אַייךְ אַלֶע צַייט דְרוּם הָאפְּט אִיר אוֹיף מַיין הִילְף אָבֶר דָאס טְרֵיסְטוּנְג פוּן אַמֶענְטְשִׁין אִיז נִישְׁט דֶען עֶס אִיז אַבַּאווִילִיגוּנְג אוֹיף אַקְלֵינֶע צַייט דְרוּם לוֹיבְּט גָאט: זבוב דִי פְלִיג וָואס זִיא אִיז אַלֶע צַייט זוּמֶער אוּנ ווִינְטֶער אִין שְׁטוּבּ אַז דִיא יִשְׂרָאֵל לֶערְנֶען נִיט קֵיין תּוֹרָה

חָצִיר וְכָל חַסְדּוֹ כְּצִיץ הַשָּׂדֶה: יָבֵשׁ
חָצִיר נָבֵל צִיץ. וּדְבַר אֱלֹהֵינוּ יָקוּם
לְעוֹלָם: וְאוֹמֵר. בּוֹרֵא נִיב שְׂפָתָיִם שָׁלוֹם
שָׁלוֹם לָרָחוֹק וְלַקָּרוֹב אָמַר יְיָ וּרְפָאתִיו:

רופְט זיא דֶעם נָבִיא עֶר זָאל שְׁרַייעֶן מִיט אַגְרויס
קול זָאגְט דֶער נָבִיא וָואס זָאל אִיךְ שְׁרַייעֶן מִיט
אַגְרויס קול וֶוען מֶען וֶועט מִיךְ פְרֶעגִין וָואס אִיךְ
שְׁרַייא וָואס וֶועל אִיךְ עֶנְטְפֶערְן עֶנְטְפֶערְט אִים דִיא
פְלִיג אַזוּ זָאלְסְטוּ זַיי עֶנְטְפֶרִין דֶער מֶענְשׁ וָואס גֵייט
נָאךְ אויף דֶער וֶועלְט נָאךְ וואויל טָאג אוּנ תַּאֲווֹת
לִבּוֹ וֶועט זַיין פְלֵייש וֶוערִין גְלַייךְ וִויא דָאס גְרָאז
וָואס וֶוערְט דַאר פוּן דֶער זוּן אוּן גָאט וֶועט אִים
שְׁטְרָאפְן צוּ פַאר שֶׁעמֶן אוּנ וֶוען עֶר הָאט גוּטְס אויף
דֶער וֶועלְט דָאס גוּטְס אִיז אִים לְרָעָה דֶען דָאס
בַּצָאלְט אִים גָאט אויף דִיא מִצְוֹת וָואס עֶר הָאט
גִיטָן נִיט פוּן גָאטְס וֶועגִין בַּצָאלְט עֶר אִים אויף דֶער
וֶועלְט כְּדֵי עֶר זָאל נִיט הָאבֶּן קַיין שָׂכָר בְּעוֹלָם הַבָּא

**שְׁמָמִית אוֹמֶרֶת. הַלְלוּהוּ בְצִלְצְלֵי שָׁמַע הַלְלוּהוּ בְּצִלְצְלֵי תְרוּעָה: הַנְּמָלָה**

אָבֶּער דֶער מֶענְשׁ וָואס טוּט מִצְוֹת פוּן גָאטְס וֶועגֶען וֶועט עֶר זַיין וִויא אַשֵׁיין שְׁפְּרָאצוּנְג אִין פֶּעלְד עֶר וֶועט עֶסִין דִיא פֵּירוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּנ דָאס קֶרֶן וֶועט אִים בַּאצָאלְט וֶוערִין בָּעוֹלָם הַבָּא. גָאט זָאגְט פְּרִיד פְּרִיד צוּ דֶעם וָואס אִיז וַוייט פוּן אִים אַזוֹ וִויא צוּם נָאהֶינְטִין נִיט אַזוֹ וִויא אַמֶענְשׁ וָואס קֶען נִיט גֶעבִין קֵיין שָׁלוֹם צוּ זַיין חַבֵר פוּן וַוייטִן נַייעֶרְט דוּרְךְ אַבְּרִיף אָבֶּער צוּ גָאט אִיז גְלַייךְ נָאהֶינְט אוּנ וַוייט דְרוּם לוֹיבְּט דֶעם אַלְמַאכְטִיגִין גָאט: שממית אַשְׁפִּין זָאגְט וֶעהט גָאטְס וואוּנְדֶר נֶעמְט אַייךְ אַמָשָׁל פוּן מִיר וִויא גָאט הָאט מִיר שֵׂכֶל גִיגֶעבִין צוּ מַאכִין מִיר אַיין הויז אוּנ צוּ פַאנְגֶען מַיינֶע פַיינְט פְלִיגִין אוּנ בִּינֶען צוּ דֶער נֶערִין זִיךְ דֶער מִיט אוּנ דְרוֹיף טוּ אִיךְ לוֹיבִּין גָאט מִכָּל שֶׁכֵּן דֶער מֶענְשׁ וָואס גָאט הָאט אִים גִיגֶעבִין שֵׂכֶל אוּנ זַיין בַּאדֶערְפֶענִישׁ אִיז גְרֶעסֶר דַארְף עֶר בְּוַדַאי צוּ לוֹיבִּין גָאט מִיט גִיזַאנְג אוּנ שַׁאלִין אוֹיף דִיא

אוֹמֶרֶת. עָצֵל רְאֵה דְּרָכֶיהָ וַחֲכָם: וְאוֹמֵר. הַנְּמָלִים עַם לֹא עָז וַיָּכִינוּ בַקַּיִץ לַחְמָם: וְאוֹמֵר. נוֹתֵן לֶחֶם לְכָל בָּשָׂר כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ:

נמלה דיא גְרויסֶע וואונְדֶער פון דֶעם אַלְמַאכְטִיגִין גָאט: מִילְב זָאגְט אִיךְ דַאנְק אונ לויב גָאט וָואס עֶר הָאט מִיר גְגֶעבְּן פַאר שְׁטַאנְד צו אָן בְּרֵייטְן זִיךְ אִין זוּמֶר מַיין שְׁפַּייז אַיין צו זַאמְלֶן אִין דֶער צַייט פון שְׁנִיט אֵיינְצִג וַויים מַיין עֶסִין אויף זוּמֶר אונ אויף וְוינְטֶער אויךְ וְויא וואויל אִיךְ בִּין נִיט פַאר בָּאטִין גִיוָוארְן אויף גְזֶל אונ אִיךְ הָאב נִיט אִיבֶּר מִיר קַיין דַיָּין עֶר זָאל מִיךְ מִשְׁפָּטִין טוּ אִיךְ פָּארְט נִיט גַזְלֶנֶן מַיין חַבְרוּתָה. אויךְ מַיין לֶעב טָאג אִיז נִיט מֶער אַז אַזוּמֶר אונ ווינְטֶער אונ נָאךְ מַיין טויט הָאב אִיךְ קַיין שְׁטְרָאף נִיט אויךְ נִיט קַיין שְׂכַר טוּא אִיךְ דָאךְ לויבִּין דֶעם אַלְמַאכְטִיגִין גָאט וָואס טוּט שְׁפַּייזִין אַלֶע בַּשֶׁעפֶּענִשׁ דֶען זַיין גְנָאד אִיז צו אֵייבִּיג דְרוּם דוּ מֶענְשׁ נֶעם דִיר אַמָּשָׁל פון מִיר דֶען דוּ הָאסְט אִיבֶּר דִיר אַיין דַיָּין צוּ מִשְׁפָּטִן דִיךְ אויף דֶער וֶועלְט אונ אויף יֶענֶר מִכָּל

תַּרְנְגוֹל אוֹמֵר שִׁיר. כֵּיוָן שֶׁבָּא
הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בְּגַן עֵדֶן אֵצֶל
הַצַּדִּיקִים זוֹלְפִין כָּל אִילָנֵי גַן עֵדֶן
בְּשָׂמִים וְאָז גַם הוּא מִתְעוֹרֵר: בְּקוֹל
רִאשׁוֹן מְשַׁבֵּחַ וְאוֹמֵר. שְׂאוּ שְׁעָרִים

שֶׁכֵּן דַארְפְסְטוּ אָן צוּ בְּרֵייטִין גוּטֶע שְׁפַּייז בַּאצַייטִין
דָאס מֵיינְט מֶען תּוֹרָה אוּנ מַעֲשִׂים טוֹבִים כְּדֵי דוּ
וָאלְסְט הָאבִּן אַגוּטִין שָׂכָר לָעוֹלָם הַבָּא דְרוּם לוֹיבְּט
דֶעם אַלְמַאכְטִגִן הֶערִין: תרנגול דֶער הָאן הָאט פַּאר
שְׁטַאנְד וֶוען דִיא צַייט וָואס טָאג אוּנ נַאכְט צוּ שֵׁיידִין
זִיךְ אִין דֶער וֶועלְבִּיגֶר צַייט קוּמְט הקב"ה צוּ דִיא
צַדִיקִים אִין גַן עֵדֶן אוּנ אַלֶע בּוֹימֶר פוּן דֶעם גַן עֵדֶן
מַאכִין שְׁמֶעקִין וַייעֶרֶע בְּשָׂמִים לְכָבוֹד הקב"ה אוּנ
לוֹיבֶּען אוּנ זִינְגֶען אוּנ גִיבִּין כָּבוֹד צוּ הקב"ה אוּנ אִין
דֶער וֶועלְבִּיגֶר צַייט טוּט דֶער הָאן אוֹיךְ לוֹיבִּן צוּם
אַלְמַאכְטִיגִין גָאט: בקול ראשון דָאס עֶרְשְׁטֶע קוֹל וֶוערְט
גִילוֹיבְּט אִין גַן עֵדֶן פַאר הקב"ה דֶער הוֹיבְּט אַייךְ
טוֹיעֶרִין פוּן דֶעם בֵּית הַמִקְדָשׁ דֶער הוֹיבְּט אַייךְ
טוֹיעֶרִין פוּן דֶער וֶועלְט אוּנ לָאז דוּרְךְ אַייךְ קוּמֶען
דֶער מֶלֶךְ וָואס דֶער כָּבוֹד אִיז זַיין. וֶוער אִיז דֶער

רָאשֵׁיכֶם וְהִנָּשְׂאוּ פִּתְחֵי עוֹלָם וְיָבוֹא מֶלֶךְ הַכָּבוֹד. מִי זֶה מֶלֶךְ הַכָּבוֹד יְיָ עִזּוּז וְגִבּוֹר יְיָ גִּבּוֹר מִלְחָמָה: בְּקוֹל שֵׁנִי אוֹמֵר. שְׂאוּ שְׁעָרִים רָאשֵׁיכֶם וּשְׂאוּ פִּתְחֵי עוֹלָם וְיָבֹא מֶלֶךְ הַכָּבוֹד: מִי הוּא זֶה מֶלֶךְ הַכָּבוֹד יְיָ צְבָאוֹת הוּא מֶלֶךְ הַכָּבוֹד סֶלָה: בְּקוֹל שְׁלִישִׁי אוֹמֵר. עִמְדוּ צַדִּיקִים וְעִסְקוּ בַּתּוֹרָה שֶׁיִּהְיֶה

מֶלֶךְ הַכָּבוֹד דֶער שְׁטַארְקֶר גָאט עֶר אִיז שְׁטַארְק אִין דֶער מִלְחָמָה: בקול שני דָאס אַנְדֶרֶע קוֹל זָאגְט דֶער הויבְּט אַייךְ אִיר טוֹיעֶרִין אוּנ לָאז קוּמֶען דוּרְךְ אַייךְ דֶער מֶלֶךְ הַכָּבוֹד וָואס דֶער כָּבוֹד אִיז זַיין. וֶוער אִיז דֶער מֶלֶךְ הַכָּבוֹד וָואס קוּמְט מִיט הֶערְשַׁאפְט אִין גַּן עֵדֶן צוּ שְׁפַּאצִירִין מִיט דִיא צַדִּיקִים גָאט דֶער הַאר אִיבֶּר אַלֶע שָׁארִין עֶר אִיז דֶער גִיעֶהְרְטֶר קֵינִיג פוּן אֵייבִּיג: בקול שלישי דָאס דְרִיטֶע קוֹל זָאגְט שְׁטֵייט אויף אִיר צַדִּיקִים אוּנ לֶערִינְט תּוֹרָה כְּדֵי אַייעֶר שָׂכָר זָאל זַיין טָאפִּיל לְעוֹלָם הַבָּא אַז אִיר וֶועט אויף שְׁטֵיין אִין

שְׂכַרְכֶם כָּפוּל לָעוֹלָם הַבָּא: בְּקוֹל רְבִיעִי אוֹמֵר. לִישׁוּעָתְךָ קִוִּיתִי יְיָ: בְּקוֹל חֲמִישִׁי אוֹמֵר. עַד מָתַי עָצֵל תִּשְׁכָּב מָתַי תָּקוּם מִשְּׁנָתֶךָ: בְּקוֹל שִׁשִּׁי אוֹמֵר. אַל תֶּאֱהַב שֵׁנָה פֶּן תִּוָּרֵשׁ פְּקַח עֵינֶיךָ

מִיטְן דֶער נַאכְט צוּ לֶערְנֶן אוּנ לוֹיבְּן דֶעם אַלְמַאכְטִיגְן גָאט: בקול רביעי דָאס פֶערְטֶע קוֹל זָאגְט. צוּ דַיין הִילְף טוּ אִיךְ הָאפִין גָאט עֶם וָואל קוּמֶען דֶער אוּים לַייזֶער דוּרְךְ דֶעם זְכוּת פוּן דֶער תּוֹרָה וָואס וֶוערְט גִילֶערִינְט נָאךְ הַאלְבֶּע נַאכְט דוּרוּם אִיר פְרוּמֶע לַייט לֶערִינְט תּוֹרָה אוּנ לוֹיבְּט גָאט דֶעם אַלְמַאכְטִיגְן הֶערִין: בקול חמישי דָאס פִינְפְטֶע קוֹל זָאגְט צוּ דִיא פְרוּמֶע לַייט וָואס זַיינֶן נִיט אוֹיף גִישְׁטַאנֶן צוּם דְרִיטִין אוּנ פֶערְטִין קוֹל בִּיז וִויא לַאנְג וֶועט אִיר פוֹילֶע מֶענְשִׁין נָאךְ לִיגִין וֶוען דוּ בִּיסְט נִיט אוֹיף גִישְׁטַאנֶן בִּיז אִיצוּנְד שְׁטֵייא אוֹיף אִיצוּנְד צוּ לֶערְנֶן תּוֹרָה אוּנ צוּ לוֹיבִּין דֶעם אַלְמַאכְטִיגְן גָאט: בקול ששי דָאס זֶעקְסְטֶע קוֹל זָאגְט הָאב נִיט לִיב דֶעם שְׁלָאף דֶען דֶר מֶענְשׁ וָואס שְׁלָאפְט לַאנְג וֶוערְט פַאר אָרִימְט עֶר קֶען זַיין אַרְבַּייט נִיט טָאן

שְׂבַע לָחֶם: בְּקוֹל שְׁבִיעִי הוּא אוֹמֵר. עֵת לַעֲשׂוֹת לַיְיָ הֵפֵרוּ תּוֹרָתֶךָ: תַּרְנְגוֹלֶת מְשַׁבַּחַת וְאוֹמֶרֶת. נוֹתֵן לֶחֶם לְכָל בָּשָׂר

פון שְׁפַּייז וֶועגְן. עֶפִּין אויף דַיינֶע אויגְן וֶועסְטוּ זַיין זַאט מִיט בְּרוֹיט דָאס אִיז אַמָשָׁל אויף דֶער תּוֹרָה זִי הֵייסְט בְּרוֹיט דֶער וָואס שְׁטֵייט נִיט פְּרִיא אויף דֶער קֶען נִיט לֶערְנֶן דְרוּם אִיר מֶענְשִׁין נֶעמְט אַייךְ אַמָשָׁל דֶער פוּן אוּנ לוֹיבְּט גָאט דֶעם הֶערְן: בְּקוֹל שביעי דָאס זִיבֶּעטֶע קוֹל זָאגְט דִיא לַייט וָואס הָאבְּן צַייט אוּנ קֶענֶן אויף שְׁטֵיין בַּייא נַאכְט צוּ לֶערְנֶן תּוֹרָה צוּ לוֹיבְּן גָאט אוּנ שְׁטֵייעֶן נִיט אויף דִי וֶועלְבִּיגֶע פַארְשְׁטֶערִין מַיין תּוֹרָה דְרוּם זָאל אִיטְלִיכֶר מֶענְשׁ נֶעמֶן אִין זַיין מַחֲשָׁבָה אַז דֶער הָאן קְרֵייט אויף צוּ שְׁטֵיין צוּ לוֹיבְּן גָאט מִיט תְּפִילוֹת אָדֶער מִיט תּוֹרָה אִיטְלִיכֶר נָאךְ זַיין פַּאר שְׁטַאנְד זָאל לוֹיבִּין גָאט דֶעם אַלְמַאכְטִיגִין הֶערִין: תרנגולת דִיא הוּן זָאגְט פַּאר הקב"ה דוּ גָאט וִויא וואוֹיל דוּ הָאסְט מִיר גִיט גִיגֶעבְּן אַזוֹ אַפַּאר שְׁטַאנְד וִויא דֶעם הָאן טוּ אִיךְ דָאךְ לוֹיבְּן דִיךְ וָואס דוּ הָאסְט מִיר אָן גִבְרֵייט מַיין שְׁפַּייז אֲפִילוּ אִין דִיא מִיסְט אויךְ גִיבְּסְט:

כִּי לְעוֹלָם חַסְדּוֹ: יוֹנָה אוֹמֶרֶת שִׁירָה זֹאת. כְּסוּס עָגוּר כֵּן אֲצַפְצֵף אֶהְגֶּה כַּיּוֹנָה דַּלּוּ עֵינַי לַמָּרוֹם יְיָ עָשְׁקָה לִּי עָרְבֵנִי. אָמְרָה יוֹנָה לִפְנֵי הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא בְּצֵאתָהּ מִתֵּבַת נֹחַ רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם יִהְיוּ מְזוֹנוֹתַי מְרוֹרִים כַּזַּיִת וּמְסוּרִים בְּיָדֶךָ וְאַל יִהְיוּ מְתוּקִים כִּדְבַשׁ וּמְסוּרִים בְּיַד בָּשָׂר וָדָם: אַנְז הַבַּיִת שֶׁמְּזוֹנָהּ כַּבַּיִת

שְׁפַּייז אוּנ בְּרוֹיט צוּ אַלֶע בַּאשֶׁעפֶּנִשׁ דֶען דַיין גְנָאד אִין צוּ אֵייבִּיג דְרוּם לוֹיבּ אִיךְ דֶעם אַלְמַאכְטִיגְן גָאט: יונה דִיא טוֹיבּ זָאגְט אִיךְ טוּ הִיפְּשׁ פַּייפִין וִויא אַקְלֵיין שֵׁיין פֵייגֶעלֶע אִיךְ אוֹיבּ אוֹיף מַיינֶע אוֹיגִין צוּ גָאט אוּנ טוּא אִים לוֹיבִּין וָואס עֶר הָאט מִיךְ גִילָאזְט לֶעבֶּן אִין דֶער תֵּיבָה פוּן נֹחַ. אוּנ אַז דִיא טוֹיבּ אִיז אַרוֹיס פוּן דֶער תֵּיבָה הָאט זִיא גִיזָאגְט רבש"ע לָאזִין מַיינֶע שְׁפַּייז זַיין בִּיטֶּער וִויא אַזַיִת אוּנ זָאלִין קוּמֶן דוּרְךָ דַיין הַאנְד אֵיידֶר דִיא זִיסֶע שְׁפַּייז וִויא הָאנִיק וָואס דוּרְךָ אַבָּשָׂר וָדָם דְרוּם טוּט לוֹיבֶּען דֶעם אַלְמַאכְטִיגְן גָאט: אוּן דִיא

אוֹמֶרֶת שִׁיר. הוֹדוּ לַיְיָ קִרְאוּ בִשְׁמוֹ הוֹדִיעוּ בָעַמִּים עֲלִילוֹתָיו: שִׁירוּ לוֹ זַמְּרוּ לוֹ שִׂיחוּ בְּכָל נִפְלְאוֹתָיו: אַוַּז הַבַּר הַמְשׁוֹטֶטֶת בַּמִּדְבָּר כְּשֶׁרוֹאָה אֶת יִשְׂרָאֵל עוֹסְקִים בַּתּוֹרָה אוֹמֶרֶת שִׁיר. קוֹל קוֹרֵא בַּמִּדְבָּר פַּנּוּ דֶּרֶךְ יְיָ יַשְּׁרוּ בָּעֲרָבָה מְסִלָּה לֵאלֹהֵינוּ: וְעַל מְצִיאוּת מְזוֹנוֹתֶיהָ בַּמִּדְבָּר אוֹמֶרֶת. אָרוּר הַגֶּבֶר

נאַנְז וָואס אִיז אִין שְׁטוּב וָואס אִיר שְׁפַּיין אִיז תָּמִיד גִיגְרֵייט וָאגְט זִיא. לוֹיבְּט צוּ גָאט אוּנ רוּפְט אִים מִיט זַיין נָאמֶן דֶען מִיט זַיין נָאמֶן הָאט עֶר דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט בַּשַׁאפִין. מַאכְט דֶער קֶענֶען צְווִישְׁן אַלֶע פֶעלְקֶר זַיינֶע מַעֲשִׂים זִינְגְט צוּ אִים אוּנ לוֹיבְּט אִים אוּנ טוּט רֵיידִין אִין זַיינֶע וואוּנְדֵר אוּנ נִיט נָאר אִין דֶער צַייט וָואס אִיר דַארְפְט בֶּעטִין אַייעֶר בַּאדֶערְפֶנִשׁ וָאלְט אִיר בֶּעטִין נָאר אַלֶע צַייט דֶען גָאט טוּט אַייךְ פִיל וואוּנְדֶר דְרוּם לוֹיבְּט גָאט: אוז הבר דִיא ווִילְדֶע גַאנְז וָואס זִיא טוּט פְלִיהֶן אִין דֶער מִדְבָּר אַז זִיא זֶעהט דִיא יִשְׂרָאֵל

אֲשֶׁר יִבְטַח בָּאָדָם: בָּרוּךְ הַגֶּבֶר אֲשֶׁר יִבְטַח בַּיְיָ וְהָיָה יְיָ מִבְטַחוֹ: פַּרְגּוֹת אוֹמֶרֶת שִׁיר. יוֹדוּךָ יְיָ כָּל מַלְכֵי אָרֶץ כִּי שָׁמְעוּ אִמְרֵי פִּיךָ: נֶשֶׁר אוֹמֵר שִׁיר. וְאַתָּה יְיָ אֱלֹהִים צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל: חֲסִידָה אוֹמֶרֶת. דַּבְּרוּ עַל לֵב יְרוּשָׁלַיִם וְקִרְאוּ

לֶערְנֶען תּוֹרָה זָאגְט זִיא אַקוֹל פוּן רוּחַ הַקוֹדֶשׁ טוּט שְׁרַייעֶן אִין דֶער מִדְבָּר רַאמְט אוּים גָאטְס וֶועג דָאס דִיא פַאר טְרִיבֶּענֶע וֶועלִין ווידֶר צוּרִיק גֵיין קֵיין יְרוּשָׁלַיִם מַאכְט גְלַייךְ דֶעם וֶועג פַאר גָאטְס פָאלְק אוּנ וַוייל זִיא גֶעפִינְט אִיר שְׁפַּייז אִין דֶער מִדְבָּר זָאגְט זִיא פַאר שָׁאלְטִין זָאל זַיין דֶער מֶענְטְשׁ וָואס פַאר זִיכֶערְט זִיךְ אוֹיף אַמֶענְשִׁין אוּנ גִיבֶּענְטְשְׁט זָאל זַיין דֶער מֶענְשׁ וָואס פַאר זִיכֶערְט זִיךְ אוֹיף גָאט וֶועט גָאט זַיין זַיין פַאר זִיכֶערוּנְג: פרגות אַיין עֶנְט זָאגְט לוֹיבְּט גָאט דֶען אַלֶע מְלָכִים וָואס אוֹיף דֶער עֶרְד לוֹיבְּן גָאט דֶען זֵיי זֶעהן גָאטְס וואוּנְדֶער אוּנ גְלוֹיבְּן אִין דֶעם אַלְמַאכְטִיגְן גָאט: חסידה דִיא שְׁטָארְךְ זָאגְט גָאט הָאט

אֵלֶיהָ כִּי מָלְאָה צְבָאָהּ כִּי נִרְצָה עֲוֹנָהּ כִּי לָקְחָה מִיַּד יְיָ כִּפְלַיִם בְּכָל חַטֹּאתֶיהָ׃ רְחָמָה אוֹמֶרֶת. אֶשְׁרְקָה לָהֶם וַאֲקַבְּצֵם כִּי פְדִיתִים וְרָבוּ כְּמוֹ רָבוּ׃ עוֹרֵב אוֹמֵר. מִי יָכִין לָעֹרֵב צֵידוֹ כִּי יְלָדָיו אֶל אֵל

גִיזָאגְט אִיר נְבִיאִים רֶעט אוֹיף דֶעם הַאַרְץ פוּן יְרוּשָׁלַיִם אוּנ זָאגְט צוּ אִיר עֶם הָאט דֶער פִילְט אִיר צַייט אוּנ וָועלְן זִיךְ ווִידֶר קֶערן צוּ אִיר דֶען אִירֶע זִינְד זַייגֶן בַּאוּוילִיגְט גִיוָואַרן דֶען זִיא אִיז גִישְׁטְרָאפְט גִיוָואַרן צְוֵוייא מָאל אַזוֹ פִיל ווִיא זִיא הָאט גִיזִינְדִיגְט דְרוּם לוֹיבְּט דֶעם אַלְמַאכְטִיגְן׃ רחמה דִי פוֹיגֶל רְחָמָה זָאגְט אַזוֹ זָאגְט גָאט אַז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶן וֶועל אִיךְ שְׁמוּצֶערְן אַיין צוּ זַאמְלֶן יִשְׂרָאֵל אוּנ אוּים צוּ לֵייזְן זֵיי אַזוֹ ווִיא אִיךְ הָאבּ זֵייא אוּים גִילֵייזְט פוּן מִצְרַיִם אוּנ וֶועל זֵייא אִין גָלוּת מֶערִין אַזוֹ ווִיא אִיךְ הָאבּ זֵייא גִימֶערְט אִין מִצְרַיִם דְרוּם לוֹיבְּט גָאט׃ עורב דִיא רָאבּ זָאגְט לוֹיבְּט צוּ הקב״ה עֶר טוּט אָן גְרֵייטְן שְׁפַּייז פַאר דִיא קְלֵיינֶע רָאבִּין דֶען אַז זֵיי וֶוערִין גִיבָּארִין זַיינֶען זֵיי ווַייס לוֹיפְט דִיא מוּטֶער פוּן זֵייא אַוֶועק דֶען זִיא אִיז שְׁוַוארְץ גֶעמְט

יְשַׁוְּעוּ: וְאוֹמֵר. נוֹתֵן לִבְהֵמָה לַחְמָהּ לִבְנֵי עוֹרֵב אֲשֶׁר יִקְרָאוּ: זַרְזִיר אוֹמֵר. רַנְּנוּ צַדִּיקִים בַּיְיָ לַיְשָׁרִים נָאוָה תְהִלָּה: עָגוּר מָה הוּא אוֹמֵר. הוֹדוּ לַיְיָ בְּכִנּוֹר בְּנֵבֶל עָשׂוֹר זַמְּרוּ לוֹ: סְנוּנִית מָה הִיא

וִיא וַיי נִיט אָן פַאר אִירֶע קִינְדֶער אוּנ דֶעמָאלְט קֶענֶען זַיי נָאךְ נִיט פְלִיהֶען ווּכִין שְׁפַּייז אַזוֹ רוּפֶען דִי קְלֵיינֶע רָאבִּין צוּ גָאט אַזוֹ דֶער בַּארִימְט עֶר זִיךְ אִיבֶּער וַויא אוּנ בַּאשֶׁערְט וַויא קְלֵיינֶע וֶוערִים וֶוערְן וַויא דֶער פוּן גִישְׁפַּייזְט אוּנ בְּלַייבִּין לֶעבִּין דְרוּם לוֹיבְּט דֶעם אַלְמַאכְטִיגִין גָאט: זרזיר דֶער פוֹיגֶל זַרְזִיר זָאגְט וִויא גוּט אִיז צוּ לוֹיבִּין גָאט רֶען וַוייל אִיךְ הָאבּ אַגְשְׁטַאלְט וִויא אַרָאבּ רֶעכִינֶן מִיךְ לַייט פַאר אַרָאבּ מִכָּל שֶׁכֵּן דֶער וָואס בַּאהֶעפְט זִיךְ צוּ פְרוּמֶע לַייט צוּ לוֹיבִּין גָאט דֶען צוּ דִיא רֶעכְט פֶארְטִיגֶע אִיז שֵׁיין דִיא לוֹיבּ פוּן גָאט: עגור דֶער פוֹיגִיל עָגוּר זָאגְט מִיר הָאט גָאט גִיגֶעבִּין אַקוֹל צוּ זִינְגֶן לוֹיבּ צוּ גָאט אוּנ אַנְדֶרֶע פֵייגְלֶען מוּזִין נֶעמִין כְּלֵי זֶמֶר צוּ לוֹיבִּין דֶער מִיט גָאט מִכָּל שֶׁכֵּן אִיר מֶענְשִׁין גִיהֶערְט לוֹיבִּין גָאט מִיט פִידְלֶען

# אוֹמֶרֶת. לְמַעַן יְזַמֶּרְךָ כָבוֹד וְלֹא יִדֹּם יְיָ אֱלֹהַי לְעוֹלָם אוֹדֶךָּ: צִפּוֹר מָה הִיא אוֹמֶרֶת. גַּם צִפּוֹר מָצְאָה בַיִת וּדְרוֹר קֵן לָהּ אֲשֶׁר שָׁתָה אֶפְרוֹחֶיהָ אֶת

און מִיט אַלֶערְלֵייא כְּלֵי זֶמֶר: סנונית דִיא סְנוּנִית זָאגְט דוּ גָאט הָאסְט פַאר קֶערְט מַיין קְלָאג צוּ גִיוַאנְג וָוארוּם מֶען קָאן אַנְדֶערְשׁ נִיט לוֹיבְּן גָאט סַיידִין מִיט שִׂמְחָה דְרוּם לוֹיבְּט דֶעם אַלְמַאכְטִיגְן גָאט: צפור דֶער צִפּוֹר זָאגְט אַזוֹ וְויא דֶער פֵייגִיל הָאט נִיט וֶוער עֶם זָאל אִים מַאכִין אַנֶעסְט דָאךְ גֶעפִינְט עֶר זִיךְ אַלֵיין אַיין אָרְט צוּ מַאכִין פַאר זִיךְ אַנֶעסְט אָבֶער דֶער מֶענְשׁ וֶוען אַפִילוּ עֶר הָאט מוֹיעֶרִין צוּ וואוֹינֶן דְרִינֶן דָאךְ מוּז עֶר זִיךְ בּוֹיעֶן אַוואוֹינוּנְג אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט דוּרְךְ תּוֹרָה און מִצְוֹת און מַעֲשִׂים טוֹבִים און צְדָקָה און תְּפִלָּה מִיט כַּוָּנָה אִין גָאטְס הויז דָאס אִיז דִי שׁוּל וְויא דֶער פָּסוּק זָאגְט אשרי יושבי ביתך עוד יהללוך סלה דָאס אִיז טַייטְשׁ וואוֹיל דֶעם מֶענְשִׁין וָואס טוּט זִיצִין אִין דַיין הויז און

מִזְבְּחוֹתֶיךָ יְיָ צְבָאוֹת מַלְכִּי וֵאלֹהָי: צִיָּה אוֹמֶרֶת שִׁיר. אוֹר זָרוּעַ לַצַּדִּיק וּלְיִשְׁרֵי לֵב שִׂמְחָה: צִפִּי אוֹמֶרֶת. בִּטְחוּ בַיְיָ עֲדֵי עַד כִּי בְּיָהּ יְיָ צוּר עוֹלָמִים: חָסִיל הוּא מִין אַרְבֶּה אוֹמֵר שִׁיר. יְיָ אֱלֹהַי אַתָּה אֲרוֹמִמְךָ אוֹדֶה שִׁמְךָ כִּי עָשִׂיתָ

טוּט דִיךְ לוֹיבִּין אֵייבִּיג: צִיה דֶער פוֹיגִיל צִיָּה זָאגְט, גָאט הָאט גִיזֵייעְט אוּנ אָנְגִיבְרֵייט פוּן דִי צַדִיקִים וֶועגְן אַגְרוֹיסֶע לִיכְט לָעוֹלָם הַבָּא דְרוּם פְרֵייט אַייךְ אִיר צַדִיקִים מִיט גָאטְס צוּזָאגוּנְג לָעוֹלָם הַבָּא אוּנ לוֹיבְּט צוּ דֶעם גִידֶעכְטֶנִעשׁ פוּן זַיין הֵיילִיגֶן נָאמֶען: צִפִּי דֶער פוֹיגִיל צִפִּי זָאגְט, אִיר אַלֶע בַּאשֶׁעפֶּענֶעשׁ פוּן דֶער וֶועלְט פַאר לָאזְט אַייעֶר בִּטָחוֹן אוֹיף גָאט אִימֶער אוּנ אֵייבִּיג דֶען גָאט הָאט מִיט זַיין נָאמֶן דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט בַּאשַׁאפִין: חסיל דֶער הֵיישֶׁעְרִיק זָאגְט, גָאט דוּ בִּיסְט מַיין גָאט אִיךְ טוּא דֶער הֵייבְן אוּנ לוֹיבְּן דַיין הֵיילִיגֶן נָאמֶן דֶען דוּ טוּסְט גְרוֹיסֶע ווּאוּנְדֶר אוּנ הָאסְט הַשְׁגָחָה

# פֶּלֶא עֵצוֹת מֵרָחוֹק אֱמוּנָה אֹמֶן: צִפּוֹרֶת כְּרָמִים וְהוּא מִין חָגָב אוֹמֵר שִׁיר. אֶשָּׂא עֵינַי אֶל הֶהָרִים מֵאַיִן יָבֹא עֶזְרִי: טָסִית מָה הִיא אוֹמֶרֶת. עֶזְרִי מֵעִם יְיָ עֹשֵׂה שָׁמַיִם וָאָרֶץ:

אֲפִילוּ אויף מִיר וָואס אִיךְ בִּין אַשָׁפֶל בַּאשֶׁעפֶּענֶעשׁ בַּאשֶׁערְטְּטוּ מִיר מַיין שְׁפַּייז מִכָּל שֶׁכֵּן דֶעם מֶענְשִׁין דֶען דוּ הָאסְט פוּן לַאנְג אָן צוּגֶעזָאגְט צוּ אַבְרָהָם אָבִינוּ צוּ בַּאגִיטִיגִין זַיינֶע קִינְדֶר אוּן זַיינֶע רֵייד זַיינֶן וָוארְ־הַאפְטִיג: צפורת כרמים דָאס אִיז אוֹיךְ אַמִין הֵיישֶׁערִיק זָאגְט לוֹיב צוּ הקב"ה וֶוען אַמֶענְשׁ אִיז אִין גְרוֹיס צַעַר אוּן עֶר טְרַאכְט צוּ זוּכִין זִיךְ אַיין אָרְט נִיצוֹל צוּ וֶוערִן אִיךְ וֶועל לוֹיפְן אוֹיף דֶעם בַּארְג אַז מֶען זָאל מִיךְ נִיט גִיפִינֶען זָאל עֶר גִידֵיינְקֶען אַז גָאט הָאט פִיל שְׁלוּחִים סַיי צוּ גוּטִין נִיצוֹל צוּ וֶוערִן אָדֶר צוּ בֵּייזִין דָאס אִיז אַלְץ דוּרְךְ גָאט: טסית דֶער פוֹיגִיל טָסִית זָאגְט לוֹיבְּט צוּ הקב"ה דֶען מַיין הִילְף אִיז פוּן גָאט וָואס עֶר הָאט

שׁוֹר אוֹמֵר. אָז יָשִׁיר מֹשֶׁה וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת הַשִּׁירָה הַזֹּאת לַיְיָ וַיֹּאמְרוּ לֵאמֹר אָשִׁירָה לַיְיָ כִּי גָאֹה גָּאָה סוּס וְרֹכְבוֹ רָמָה בַיָּם: בְּהֵמָה דַקָּה טְהוֹרָה אוֹמֶרֶת. מִי כָמֹכָה בָּאֵלִם יְיָ מִי כָּמֹכָה נֶאְדָּר בַּקֹּדֶשׁ נוֹרָא תְהִלֹּת עֹשֵׂה פֶלֶא:

בַּאשַׁאפִין הִימֶעל אוּנ עֶרד צוּ שְׁפַּייזֶען מִיךְ: שור אומר דֶער אָקְס זָאגְט אִיךְ טוּא דִיךְ לוֹיבִּין מַיין גָאט וָואס דוּ הָאסְט מִיר גִיגֶעבִּן שְׁטַארְקַייט אוּנ הֶערְשַׁאפְט מֶער פוּן אַנְדֶערֶע בַּאשֶׁעפֶענִעשׁ דֶען דֶער מָשָׁל פוּן לַייט אִיז אַלֶץ אוֹיף מַיין כֹּחַ אָבֶּער דִיא הֶערְשַׁאפְט אִיז צוּ דִיר אַז דֶער פָּסוּק זָאגְט אָז יָשִׁיר אִיז טַייטְשׁ אִיר וֶועט זִינְגֶען לֶעָתִיד לָבֹא אַזוֹי וִויא זֵייא הָאבִּין שִׁירָה גִיזָאגְט אַז זֵייא זַיינֶען אַדוּיס גִיגַאנְגֶען פוּן מִצְרַיִם: בהמה דקה טהורה קְלֵיינֶע כָּשֵׁרָה בְּהֵמוֹת שָׁאף אוּנ צִיגֶען זָאגֶען לוֹיבּ צוּ הקב"ה דוּ גָאט וֶוער אִיז גְלַייךְ צוּ דִיר צְווִישֶׁען דִיא שְׁטַארְקֶע אוּנ וֶוער אִיז גְלַייךְ צוּ דִיר מִיט שֵׁיינְהַייט

בְּהֵמָה גַסָּה טְהוֹרָה אוֹמֶרֶת. הַרְנִינוּ לֵאלֹהִים עוּזֵּנוּ הָרִיעוּ לֵאלֹהֵי יַעֲקֹב: בְּהֵמָה דַקָּה טְמֵאָה אוֹמֶרֶת. יְגִיעַ כַּפֶּיךָ כִּי תֹאכֵל אַשְׁרֶיךָ וְטוֹב לָךְ: בְּהֵמָה גַסָּה טְמֵאָה אוֹמֶרֶת. הֵטִיבָה יְיָ לַטּוֹבִים

און מִיט הֵיילִיקַייט דו בִּיסְט פָארְכְטִיג מִיט לויב און טוּסְט אוּנְז גְרוֹיסֶע ווּאוּנְדֶר צוּ גֶעבִּין אוּנְזֶר שְׁפַּייז אַלֶע צַייט; בהמה גסה טהורה דִיא גְרוֹיסֶע כְּשֵׁרָה בְּהֵמָה טוּט זָאגִין אִיר יִשְׂרָאֵל טוּט לוֹיבִּין גָאט אוּנְזֶער שְׁטַארְקֶר טוּט שַׁאלִין מִיט פְּרֵיי הָארִין אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּ גָאט פוּן יַעֲקֹב; בהמה דקה טמאה דִי קְלֵיינֶע אוּמְרֵיינֶע בְּהֵמוֹת זָאגֶען לויב צוּ הקב"ה הָאסְט גָאט אוּנְז בַּאשַׁאפִין און גִיסְט אוּנְז אוּנְזֶר שְׁפַּייז אָן טִרְחָה וואויל דֶעם מֶענְשִׁין וָואס הָאט גֶעזֶעצְטֶע צַייטֶען תּוֹרָה צוּ לֶערְנֶען און זַיין אַרְבֶּעט טָאן פוּן שְׁפַּייז וֶוענִין וואויל אִיז דֶעם מֶענְשִׁין אויף דֶער וֶועלְט און גוּט וֶועט אִים זַיין אויף יֶענֶער וֶועלְט; בהמה גסה טמאה גְרוֹיסֶע אוּמְרֵיינֶע בְּהֵמוֹת זָאגִן

וְלִישָׁרִים בְּלִבּוֹתָם: צְבִי אוֹמֵר שִׁיר. וַאֲנִי אָשִׁיר עֻזֶּךָ וַאֲרַנֵּן לַבֹּקֶר חַסְדֶּךָ כִּי הָיִיתָ מִשְׂגָּב לִי וּמָנוֹס בְּיוֹם צַר לִי: סוּס אוֹמֵר. הִנֵּה כְעֵינֵי עֲבָדִים אֶל יַד אֲדוֹנֵיהֶם כְּעֵינֵי שִׁפְחָה אֶל יַד גְּבִרְתָּהּ

לויב צו הקב"ה דו גָאט בִּיסְט גוּט צוּ גוּטֶע צוּ גֶעבִּין זַיי עֶסִין אָבֶּר מִיר אוּמְרֵיינֶע בְּהֵמוֹת טוּסְטוּ דָאךְ מִיט אוּנְז גוּטֵס צוּ שְׁפַּייזְן אוּנְז גְלַייךְ וִוי דִי רֶעכְטְ פַארְטִיגֶע הֶערְצֶר: צבי דֶער הִירְשׁ זָאגְט לויב צו הקב"ה דו גָאט אִיךְ טוּא לוֹיבִּין דַיין שְׁטַארְקַייט אוּנ דַיין גְנָאד וָואס דוּ טוּסְט מִיט מִיר דֶען חָאטְשֶׁע דִי יֶעגֶער טוּעֶן מִיךְ בַּיי נַאכְט נָאךְ יָאגֶען צוּ עֶסִין מִיךְ בִּיסְטוּ דָאךְ מִיךְ מַצִּיל אוּנ גִיסְט מִיר מַיין שְׁפַּייז אִין וַואלְד דְרוּם טוּא אִיךְ אַלֶע פְּרִיא מָארְגִין לוֹיבְּן דַיין גִינָאד: סוס דֶער פֶּערְד זָאגְט, קַיין מֶענְשׁ זָאל זִיךְ נִיט פַאר לָאזִין אוֹיף מַיין שְׁטַארְקַייט נַייעֶרְט צוּ גָאט אִיז דִיא הִילְף אַזוֹ וואוּל וִויא דִיא אוֹיגִין פוּן אַקְנֶעכְט טוּט הָאפִּין צוּ דֶער הַאנְד

# כֵּן עֵינֵינוּ אֶל יְיָ אֱלֹהֵינוּ עַד שֶׁיְּחָנֵּנוּ: חֲמוֹר מָה הוּא אוֹמֵר. לְךָ יְיָ הַגְּדוּלָּה וְהַגְּבוּרָה וְהַתִּפְאֶרֶת וְהַנֵּצַח וְהַהוֹד כִּי כֹל בַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ: פֶּרֶד אוֹמֵר שִׁיר. יוֹדוּךָ יְיָ כָּל מַלְכֵי אָרֶץ כִּי שָׁמְעוּ אִמְרֵי

פון זיין הארין אונ אזו ווי די אויגין פון אדינסט טוט האפין צו דר האנד פון איר הארינטע צו נעמן פון זיי זייער באדערפניש, אזו זאל איטליכר מענש מיט זיינע אויגין האפין צו אונזר גאט וואס ער גיט איטליכן זיין שפייז דרום לויבט גאט: חמור דער איזיל זאגט וויא וואויל דו האסט מיך באשאפען אז איך זאל טראגין שווערע משאות אזו וואויל גיבסטו קראפט דער צו, צו דיר איז דיא אכפערקייט אונ דיא שטארקייט אונ דיא שיינקייט אונ דאס לויבונג אונ אלדינג וואס אין הימל אונ אויף דער ערד: פרד דער מויל איזיל זאגט צו הקב"ה איך טוא דיך גאט לויבן דען דו האסט מיר גיגעבין אטייל כבוד דען אויף מיר קומען צו רייטין

פִּיל: גָּמָל אוֹמֵר. יְיָ מִמָּרוֹם יִשְׁאָג וּמִמְּעוֹן קָדְשׁוֹ יִתֵּן קוֹלוֹ שָׁאֹג יִשְׁאַג עַל נָוֵהוּ: פִּיל מָה הוּא אוֹמֵר. מַה גָּדְלוּ מַעֲשֶׂיךָ יְיָ מְאֹד עָמְקוּ מַחְשְׁבוֹתֶיךָ: חַיּוֹת שֶׁבַּשָּׂדֶה מָה הֵם אוֹמְרִים: בָּרוּךְ

קִינִיגְּרַייךְ וִויא טוּעֶן דִיךְ לוֹיבְּן דֶען וִוייא הָאבְּן גִיהָארְכְט דִיא רֵייד פוּן דַיין מוֹיל אַז דוּ הָאסְט דִיא תּוֹרָה גִיגֶעבְּן צוּ דִיא יִשְׂרָאֵל: גמל אַקֶעמִיל זָאגְט, גָאט טוּט שְׁרַייעֶן פוּן דֶעם הִימֶל אוּנ פוּן זַיין הֵיילִיג וואוינוּנְג טוּט עֶר גֶעבְּן זַיין קוֹל טוּט תְּשׁוּבָה צוּ מִיר אוּנ אִיךְ וֶועל פַאר נֶעמֶן פוּן אַייךְ אוּנ וֶועל מִיךְ ווִידֶר קֶערִין אוּנ בַּהֶעפְטִין צוּ אַייךְ: פיל דֶער הֶעלְפַאנְד זָאגְט ווִיא גְרוֹיס זַיינֶען דַיינֶע וֶוערק פוּן דִיר גָאט וָואס הָאט נָאךְ אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע בַּאשֶׁעפֶענִשׁ ווִיא אִיךְ אוּנ דוּ גָאט גִיבְּסְט אִיטְלִיכְן בַּאזוּנְדֶר זַיין שְׁפַּייז אוּנ ווִיא טִיף זַיינֶען דַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת: חיות שבשדה דִיא ווִילְדֶע חַיוֹת וָואס אִין פֶעלְד זָאגְן ווִיא גָאר גוּט בִּיסְט: גָאט אוּנ דוּ טוּסְט

הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב: אַרְיֵה אוֹמֵר. יְיָ כַּגִּבּוֹר יֵצֵא כְּאִישׁ מִלְחָמוֹת יָעִיר קִנְאָה יָרִיעַ אַף יַצְרִיחַ עַל אוֹיְבָיו יִתְגַּבָּר: דּוֹב מָה הוּא אוֹמֵר. יִשְׂאוּ מִדְבָּר וְעָרָיו חֲצֵרִים תֵּשֵׁב קֵדָר יָרוֹנוּ יֹשְׁבֵי סֶלַע מֵרֹאשׁ

גוּטְס אוּנ גִיבְּסְט אוּנְז שְׁפַּייז פוּן דַיין הֵיילִיגֶר הַאנְד אַלֵיין אוּנ נִיט דוּרְךְ מֶענְשִׁין: אריה דֶער לֵייבּ זָאגְט וֶוען אִיךְ בִּין שׁוֹין אַשְׁטַארְקֶע חַיָּה דָאךְ אִיז דִיא גְבוּרָה פוּן הקב״ה וָוארוּם אִין פִיל זַאכִין טוּט גָאט זִיךְ גְלַייכִן צוּ שְׁטַארְקַייט פוּן זַיינֶע בַּאשֶׁעפֶּענִשׁ כְּדֵי דֶער מֶענְטְשׁ זָאל קֶענֶן פַאר שְׁטֵיין אוּנ פַאר נֶעמֶן, אוֹיךְ גְלַייכְט עֶר גָאטְס שְׁטַארְקַייט צוּ אֵיין מַאן וָואס עֶר אִיז אַשְׁטַארְקֶר אִין אַמִלְחָמָה דֶען גָאט הַאלְט מִלְחָמָה פַאר זַיינֶע קִינְדֶר יִשְׂרָאֵל אוּנ פַאר לָאזְט זִיךְ אוֹיף זַיין גְבוּרָה אוּנ הָאט נִיט קַיין פָארְכְט אוֹיךְ נִיט קַיין שְׁלַאפְקַייט דֶען עֶר הֵייסְט גִבּוֹר מִלְחָמָה דְרוּם לוֹיבְּט גָאט: דוב דֶער בֶּער זָאגְט אִיךְ טוּ דִיךְ לוֹיבִּין מַיין גָאט דֶען וֶוען

הָרִים יִצְוָחוּ: זְאֵב אוֹמֵר. עַל כָּל דְּבַר
פֶּשַׁע עַל שׁוֹר עַל חֲמוֹר עַל שֶׂה עַל
שַׂלְמָה עַל כָּל אֲבֵדָה אֲשֶׁר יֹאמַר כִּי
הוּא זֶה עַד הָאֱלֹהִים יָבֹא דְּבַר שְׁנֵיהֶם

אִיךְ בִּין אַוִוילְדֶע חַיָּה אוּנ מַיין וואוינוּנְג אִיז אִין גְרוֹיס
גִיוְוילְד אִין דֶער מִדְבָּר וָואס קַיין מֶענְטְשׁ קוּמְט נִיט
אַהִין טוּסְטוּ מִיךְ דָאךְ שְׁפַּייזִין דָארְטִין אוּנ דוּ גָאט
וֶועסְט בְּרֵיינְגֶען אַצַייט דָאס אַיין קוּא מִיט אַיין בֶּער
וֶועלִן זִיךְ בֵּיידֶע בַּאנַאנְד פַּאסִין אוֹיף אֵיין אָרְט אוּנ
וֶועלִן דֶער צִיהֶען זֵייעֶרֶע קִינְדֶער פוּן וֶועגִן גְרוֹיס
שָׁלוֹם וָואס וֶועט זַיין צְווִישִׁן אוּנְז אוּנ דֶענְסְטְמָאל
וֶועט דִיא מִדְבָּר זִיךְ פְרֵייעֶן וואוּ עֶס אִיז גִיוֶעןן וִויסְט
וֶועט גִיבּוֹיעֶט וֶוערִן אוּנ פוּן דִיא גְרוֹיסֶע פֶעלְזִין אוּנ
פוּן דִיא הוֹיכֶע בֶּערְג וֶועט מֶען דִיךְ לוֹיבִּן גָאט זאב
דֶער וָואלְף זָאגְט אַלֶע צַייט דַארְף מֶען גָאט לוֹיבִּין
דֶען וֶוען אַמֶענְטְשׁ נֶעמְט עֶפֶּעס אַוֶועק בַּיי זַיין חַבֵר
זַיין אָקְס אָדֶער זַיין אֵייזִיל אָדֶר וָואל פוּן שָׁאף אָדֶר

# אֲשֶׁר יַרְשִׁיעֻן אֱלֹהִים יְשַׁלֵּם שְׁנַיִם לְרֵעֵהוּ: שׁוּעָל מָה הוּא אוֹמֵר. הוֹי בּוֹנֶה בֵיתוֹ בְּלֹא צֶדֶק וַעֲלִיּוֹתָיו בְּלֹא מִשְׁפָּט בְּרֵעֵהוּ יַעֲבוֹד חִנָּם וּפֹעֲלוֹ לֹא יִתֶּן לוֹ:

קְלֵיידֶר אָדֶר עֶר הָאט גִיפוּנֶען דֶעם חַבֵרְם פַאר לֵירוּנְג אוּנ הָאט פַאר לֵייקִינְט אוּנ קֵיין עֵדוּת אִיז נִיט פַאר הַאנְדִין אַזוֹ נֶעמְט גָאט אַלֵיין אָן דֶעם מִשְׁפָּט פַר זִיךְ אַזוֹ שְׁטְרָאפְט עֶר אִים כֵּפֶל וָואס עֶר הָאט גִיזִינְדִיגְט אַנְטְקֶעגִין אִים אוּנ אַנְטְקֶעגִין זַיין חַבֵר דְרוּם זָאל מֶען גִיוָואַרִינְט זַיין פוּן אַזֶעלְכֶע זַאכִין אוּנ זָאל לוֹיבִּין גָאט אַלֶע צַייט: שׁוּעל דֶער פוּקְס דֶער קְלִינְגְסְטֶער פוּן אַלֶע חַיוֹת זָאגְט, אִיךְ טוּא לוֹיבִּין דֶעם אַלְמַאכְטִיגִין גָאט וָואס עֶר הָאט מִיר גִיגֶעבִּין פַאר שְׁטַאנְד צוּ מַאכִין זִיךְ אַווֹאוֵינוּנְג אִין דֶער עֶרד אוּנ טוּט מִיךְ שְׁפֵּייזִין נִיט דוּרְךְ מֶענְשִׁינְם גָאב. אָבֶער וֵויי גֶעשְׁרִיעֶן אוֹיף דִיא וָואס בּוֹיעֶן אוּנ מוֹיעֶרִין הַייזֶער מִיט אוּם רֶעכְט אוּנ מִיט גְזֵילָה אוֹיף אַפְּרֶעמְדִין אָרְט אוֹיךְ טוּט עֶר

כְּלָבִים אוֹמְרִים שִׁיר. בּוֹאוּ נִשְׁתַּחֲוֶה וְנִכְרָעָה נִבְרְכָה לִפְנֵי יְיָ עוֹשֵׂינוּ: זַרְזִיר מָה הוּא אוֹמֵר. וְנוֹדַע בַּגּוֹיִם זַרְעָם וְצֶאֱצָאֵיהֶם בְּתוֹךְ הָעַמִּים כָּל רֹאֵיהֶם

אַרְבַּייטֶען מִיט זַיין חַבֵר אוּנ וִויל אִים נִיט בַּאצָאלִין פַאר זַיין אַרְבַּייט אָבֶּער גָאט שְׁטְרָאפְט אִים אַז דָאס הויז וֶוערְט דֶער נָאךְ פַאר פְּרֶעמְט פוּן אִים דְרוּם זָאל דֶער מֶענְטְשׁ גִיוָוארִינְט זַיין פוּן גְזֵילָה דֶען גָאט אִיז אוֹיף דֶעם הִימִיל אוּנ זֶעהט וָואס דִיא מֶענְשִׁין טוּעֶן אוֹיף דֶער עֶרְד דְרוּם לוֹיבְּט דֶעם אַלְמַאכְטִיגְן גָאט: כלבים דִיא הִינְט זָאגִין לָאמִיר קוּמֶן אוּנ אוֹיף וֶועקִין דִיא לַייט פוּן זֵייעֶר שְׁלָאף לָאזִין זִיךְ אַיין זַאמְלֶן פִיל לַייט אִין אֵיינֶם צוּ בּוּקְן אוּנ צוּ בֵּייגְן זִיךְ מִיט קְנִיעֶן פַאר גָאט אוּנְזֶר בַּשֶׁעפֶר דֶען וֶוען פִיל פָאלְק זַייעֶן אִין אֵיינֶם דָאס אִיז דָאס שֵׁיינְהַייט פוּן דֶעם קֵינִיג דְרוּם טוּט לוֹיבְּן גָאט: זרזיר דֶער יָאג הוּנְט זָאגְט וִויא זָאל מֶען גָאט נִיט לוֹיבְּן אִין דֶער צַייט פוּן

יַכִּירוּם כִּי הֵם זֶרַע בֵּרַךְ יְיָ: חוּלְדָה אוֹמֶרֶת. כֹּל הַנְשָׁמָה תְּהַלֵל יָהּ הַלְלוּיָהּ:

רַבִּי יְשַׁעְיָה תַּלְמִידוֹ שֶׁל רַבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא הִתְעַנָּה חָמֵשׁ וּשְׁמוֹנִים תַּעֲנִיוֹת. אָמַר כְּלָבִים שֶׁכָּתוּב בָּהֶם וְהַכְּלָבִים עַזֵּי נֶפֶשׁ לֹא יָדְעוּ שָׂבְעָה יִזְכּוּ לוֹמַר שִׁירָה וְעָנָה לוֹ מַלְאָךְ מִן הַשָּׁמַיִם וְאָמַר לוֹ יְשַׁעְיָה עַד מָתַי אַתָּה מִתְעַנֶּה עַל זֶה הַדָּבָר שְׁבוּעָה הִיא מִלִּפְנֵי הַמָּקוֹם בָּרוּךְ הוּא מִיּוֹם שֶׁגִּלָּה סוֹדוֹ לַחֲבַקּוּק הַנָּבִיא לֹא גִלָּה דָבָר זֶה לְשׁוּם בְּרִיָּה

מָשִׁיחַ וֶועט דֶער קאָנְט וֶוערִין דיא קִינְדֶער יִשְׂרָאֵל צוּ אִיטְלִיכְן וָואס וֶועט זַייא זֶעהן: חולדה איין ווִיזִילֶע זָאגְט אַלֶע לַייבֶּער וָואס הָאבְּן אִין זִיךְ אַיין נְשָׁמָה זָאלִין לוֹיבִּין גָאט: הללויה לוֹיבְּט גָאט:

בָּעוֹלָם אֶלָּא בִּשְׁבִיל שֶׁתַּלְמִידוֹ שֶׁל אָדָם גָּדוֹל אַתָּה שְׁלָחַנִי מִן הַשָּׁמַיִם לִיזָּדֵקֵק אֵלֶיךָ וְאָמְרוּ כְּלָבִים כְּתִיב בָּהֶם וּלְכָל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֹא יֶחֱרַץ כֶּלֶב לְשׁוֹנוֹ וְלֹא עוֹד אֶלָּא שֶׁזָּכוּ לַעֲבֹד עוֹרוֹת מְצוֹאָתָם שֶׁכּוֹתְבִים בָּהֶם תְּפִילִּין וּמְזוּזוֹת וְסִפְרֵי תּוֹרָה עַל כֵּן זָכוּ לוֹמַר שִׁירָה. וּמַה שֶּׁשָּׁאֲלָה. חֲזוֹר לַאֲחוֹרֶיךָ וְאַל תּוֹסֵף בַּדָּבָר הַזֶּה עוֹד כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב שׁוֹמֵר פִּיו וּלְשׁוֹנוֹ שׁוֹמֵר מִצָּרוֹת נַפְשׁוֹ.

אָנָּא אֲבִיר יַעֲקֹב אֵל אֶחָד לְמַעַן שִׁמְךָ הַמְיוּחָד הַזֶּה שֶׁבּוֹ נוֹדַעְתָּ עַל יְדֵי

אָנָּא איך בֶּעט דיך שְׁטאַרְקֶער גָאט פוּן יַעֲקֹב אֵל גִיאֵיינְצִיגְטֶער גָאט פוּן וֶועגֶען דיין נָאמֶען וָואס אִיז גִיאֵיינְצִיגְט שֶׁבּוֹ וָואס דוּרך אִים בִּיסְטוּ גִיוָוארִין ווִיסִיג

עֲבָדֶיךָ הַנְּבִיאִים יַחֵד לְבָבִי לְיִרְאָה אֶת שְׁמֶךָ לְמַעַן לֹא אֶחֱטָא לָךְ. אַתָּה הוּא שֶׁשָּׁמַעְתָּ נַאֲקַ"ת "תָּם וְשָׁמַרְתָּ אוֹתוֹ מִכָּל הֶיזֵּק וָנֶזֶק וְהִסְתַּרְתָּ כַּפַּ"ת יָדְךָ לָתֵת מְזוֹנוֹתָיו וְנָתַתָּ לוֹ מַלְבּוּשִׁים כְּפִי יָדְךָ הַטּוֹבָה וְעָשִׂיתָ עִם יִשְׂרָאֵל נִסִּים וְנִפְלָאוֹת וְלָכֵן בָּאתִי לְבַקֵּשׁ מִמְּךָ

דורך דיינע קנעכט דיא נביאים יַחֵד איינציג מיין הארץ עס זאל זיך פארכטין פאר דיין נאמען לְמַעַן כדי איך זאל ניט זינדיגין צו דיר אַתָּה הוּא דו האסט גיהערט דאס גישריי פון תָּם דאס איז יַעֲקֹב אָבִינוּ וְשָׁמַרְתָּ אונ האסט אים געהיט פון אלע שאדען וְהִסְתַּרְתָּ אונ האסט גיעפינט דיין האנט זאלסט אים געבין זיין שפייז וְנָתַתָּ אונ האסט אים גיגעבין קליידער וויא דיין גוטע האנט איז וְעָשִׂיתָ אונ האסט געטאן מיט אידען נסים אונ וואונדער וְלָכֵן דרום בין איך געקומען צו בעטין פון

שֶׁתִּשְׁמַע תְּפִלָּתִי וְתַאֲזִין תְּחִנָּתִי וְתַקְשִׁיב שַׁוְעָתִי וְתַתִּיר לִי פִּסַּת יָדְךָ לִהְיוֹת מְזוֹנוֹתַי וּמְזוֹנוֹת אַנְשֵׁי בֵיתִי מְזוּמָּנִים לְפָנַי קוֹדֶם שֶׁנִּצְטָרֵךְ לָהֶם וְתִשְׁמְרֵנִי הַיּוֹם וּבְכָל יוֹם וָיוֹם מִכָּל דָּבָר רָע וּמִכָּל פֶּגַע רָע וּמִכָּל רוּחַ רָע וּמִלִּסְטִים וְאוֹיְבִים וְשׂוֹנְאִים וּמֵחַיּוֹת רָעוֹת וּמִכָּל חֳלָאִים רָעִים וְתִשְׁמַע צַעֲקָתִי וּתְפִלָּתִי

דִיר שֶׁתִּשְׁמַע זָאלְסְט הֶערֶען מַיין תְּפִלָּה אוּנ זָאלְסְט פַאר נֶעמֶען מַיין גִיבֶּעט אוּנ מַיין גְשְׁרֵייא וְתַתִּיר זָאלְסְט מִיר עֶפִינֶען דַיין הַאנְד לִהְיוֹת מַיין שְׁפַּייז אוּנ פוּן מַיין הויז גִיזִינְד זָאל זַיין אָן גִיבְּרֵייט פְרִיעֶר אֵיידֶער מִיר וֶועלִין דַארְפֶען וְתִשְׁמְרֵנִי הִיט מִיךְ הַיינְט אוּנ אַלֶע טָאג מִכָּל פוּן שְׁלֶעכְטֶע זַאכֶען אוּנ פוּן בֵּייז בַּאגֶעגֶענִישׁ וּמִכָּל אוּנ פוּן שְׁלֶעכְטֶע לִיפְטִין וּמִלִּסְטִים אוּנ פוּן גַזְלָנִים אוּנ פֵיינְד אוּנ שׂוֹנְאִים וּמֵחַיּוֹת פוּן בֵּייזֶע חַיוֹת אוּנ בֵּייזֶע קְרֶענְק וְתִשְׁמַע הֶער מַיין גִישְׁרֵייא אוּנ מַיין תְּפִלָּה וְתַזְמִין

וְתַזְמִין פַּרְנָסָתִי לְפָנַי קוֹדֶם שֶׁנִּצְטָרֵךְ לָהֶם וּמַלְבּוּשִׁים כְּפִי דַּרְכְּךָ הַטּוֹבָה וְתַעֲשֶׂה עִמִּי נִסִּים לְטוֹבָה בְּכָל עֵת וּבְכָל רֶגַע וּבְכָל עוֹנָה לְמַעַנְךָ וּלְמַעַן כִּסֵּא כְּבוֹדֶךָ וְתַגְדִּיל שְׁמִי עַד עוֹלָם וְחָנֵּנִי וּשְׁמַע תְּפִלָּתִי כִּי אַתָּה שׁוֹמֵעַ תְּפִלַּת כָּל פֶּה אָמֵן נֶצַח סֶלָה וָעֶד:

בַּאשֶׁער מִיר מַיין פַּרְנָסָה אֵיידֶער אִיךְ דַארְף וּמַלְבּוּשִׁים אוּנ מַלְבּוּשִׁים אַזוֹ וִוי דַיין גוּטֶער וֶועג אִיז וְתַעֲשֶׂה טוּא מִיט מִיר נִסִּים לְטוֹבָה בְּכָל אַלֶע צַייט אוּנ אַלֶע רֶגַע לְמַעַנְךָ פוּן דַיינִיט וֶועגֶען אוּנ פוּן דַיין גִיעֶדְלִיכְטֶע שְׁטוּל וֶועגֶען וְתַגְדִּיל גְרֵייס מַיין נָאמֶען בִּיז אֵייבִּיג וְחָנֵּנִי לַייט וֶעלִיג מִיךְ אוּנ הֶער צוּא מַיין תְּפִלָּה כִּי וָוארוּם דוּא הֶערְסְט דִיא תְּפִלָּה פוּן אַלֶע מַיילֶער אָמֵן:

וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ
כָּמוֹךָ

# And thou shalt love thy friend as thyself